בס"ד


שנה ד'
נומער 176
פרשת בהעלותך
(שלח בא"י)
תשפ"ג


# קרית ברסלב בעטל





דער ראש ישיבה באזוכט
אין כולל היכל הקודש
ליבערטי – ה' נשא ב'



ביים גיסן די פיפטע מקוה
אין שטעטל – ה' נשא ב'

## חמשה מי יודע

אינהאלטסרייכע שמועס מיט

## מו"ה אהרן וועבערמאן הי"ו

וואס האט
שוין חתונה געמאכט
די פיפטע קינד
אין בית המדרש

שטעטל נייעס
נייע וואכן שול אין שטעטל
3



געדאנקען
דער מגיד שיעור איז געווארן א קעשיער
4



אינטערוויו
שמועס מיט מו"ה אהרן וועבערמאן נאכן חתונה מאכן דעם פיפטן קינד אין בית המדרש
10



מיט א טיפערן בליק
שבועות אין שטעטל (חלק ג')
20



סעודה מיט ר"ן
פרשת במדבר
34



בילדער אפטיילונג
שמחות פון אנשי שלומינו און נאך
38





קרית ברסלב בלעטל

רעדאקציע:

מרדכי אינדיג, אברהם משה שטראססער, משה ארי' שניטצלער, אברהם הערש וועבערמאן, ישראל דוד העסקעל, אברהם יצחק אייזנער, שמואל בער שניטצלער, מ. פאפנהיים, ר. ראטענבערג. ל. שיינער. ח. ש.

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:
718.387.2691
subscribe@kerenhadfusa.org
לקבלת הקרית ברסלב בלעטל דרך הדואר בארץ ישראל התקשרו:
077-530-9648

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אויף אימעיל שיקט א אימעיל צו
chizikyoimiy@rabbiroth.org

צו אדווערטייזן אדער אריינצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע
בריוו אדער הגהות רופט: 845.379.1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com

קול ברסלב: 212.444.9191
חיזוק פאר די אידישע שטוב: 212.444.9169


## זמנים Liberty
בהעלותך כ"א סיון תשפ"ג

הדלקת הנרות.........08:14
מוצאי שבת ............09:45
מנחה מעריב שלה ... 09:25

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה יצחק אייזיק ראטה הי"ו**

**וזוגתו פייגא יוטא תחי'**

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן ער זאל זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט

## ברוכים הבאים!

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען א חשובע משפחה וואס האט זיך אהערגעצויגן אין שטעטל

**מו"ה מאיר ווייל הי"ו**

**וזוגתו דינה לאה תחי'**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין אין שטעטל בגשמיות וברוחניות

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה נחמן נתן קרויס הי"ו**

**וזוגתו מרים חי' תחי'**

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן ער זאל זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט

# שטעטל נייעס

## נייע וואכן שול ווערט געבויט אין שטעטל בעזר השם יתברך




געלויבט דער אייבערשטער אז די שטעטל וואקסט כסדר, עס קומען צו יעדע פאר וואכן פרישע איינוואוינער כן ירבו, אויסער דעם ווערט דער בית המדרש מער פאפולער ביי די פילע הונדערטער בייפארער וואס ווייסן אז דא איז דא א בית המדרש מיט כסדר'דיגע מנינים, וואס נוצן אויס דעם געלעגנהייט צו דאווענען א תפלה בציבור, וואס דאס געט נאך מער צו צום ענגשאפט.

אזוי אויך איז די באקאנטע 'כולל היכל הקודש' סטאנציאנירט אין בית המדרש, וואס דאס שטערט איינע פארן צווייטן, מען הערט אריין אין בית המדרש ווי די אינגעלייט לערנען, און די אינגעלייט פון כולל הערן אריין דאס דאווענען, אויך איז דא א פראבלעם מיט פארקינג, עס איז נישט דא גענוג פלאץ פאר אלעמען צו פארקן, און דאס איז גורם אז מען פארקט אויף די גאס, און די שטאטישע באהערדע זענען זייער ברוגז אויף דעם אז מען פארקט אויפן ראוד.

דערפאר האט די הנהלה באשלאסן מיט די גוטהייסונג פון ראש ישיבה שליט"א אז מען גייט בויען א נייע וואכן בית המדרש אין שטעטל, וואס זאל דעקן דעם געברויך. צום ערשט ווערט עס אויפטון אז דער כולל וועט צובאקומען הרחבת הדעת ווען זיי וועלן קענען איבערנעמען דעם גאנצן האשקי בית המדרש אין די וואכן טעג, און זיי וועלן נישט געשטערט ווערן פון די כסדר'דיגע מנינים.

צו דעם וועט דער נייער בית המדרש פארמאגן א גרויסע פאליש וואס וועט ערמעגליכן צו מאכן א מנין יעדע האלבע שעה. עס וועט בעזרת השם האבן גענוג פארקינג, ברייטע האלוועיס, א גרויסע קאווע שטיבל, און עס וועט בעזרת השם אויך האבן א שיינע גרויסע מקוה - די פיפטע מקוה אין שטעטל.

דער נייער בית המדרש ווערט געבויעט אויף בארדיטשוב ראוד, דורכן היימישן קאנטראקטער מאנשי שלומינו מו"ה משה איינהארן הי"ו.

פאריגע וואך דאנערשטאג איז פארגעקומען די יציקות הבורות פאר די מקוה, דער ראש ישיבה שליט"א, דער דיין שליט"א, צוזאמען מיט די אינגעלייט פון כולל וואס זענען בקיאים און מומחים במלאכת המקוה זענען אראפגעקומען און זיכער געמאכט בסייעתא דשמיא אז אלעס ווערט געטון כהלכה ובהידור רב.

אז דער ראש ישיבה איז שוין געווען אין שטעטל צו מיטהאלטן ווי מען גיסט די נייע מקוה, האט ער אויך אויסגענוצט די געלעגנהייט צו באזוכן ביים בית הדפוס, מיטהאלטן די הייליגע ארבעט פונדערנאנט, דער ראש ישיבה האט מעיין געווען אין די וועכנטליכע קונטרסים און גליונות וואס ווערן געדרוקט יעדע וואך, אזוי אויך האט דער ראש ישיבה איבערגעקוקט דעם קרית ברסלב בלעטל פאר א שטיק צייט.

דערנאך האט דער ראש ישיבה געהאט א מיטינג פון די הנהלה ווי עס זענען געווארן אויסגעשמועסט וויכטיגע זאכן בנוגע די עתיד פונעם שטעטל, און נאך.

אזוי אויך איז דער ראש ישיבה אריבער אין שטוב פון מו"ה נחמן שמואל יאקאבאוויטש הי"ו ווי עס איז פארגעקומען די לחיים פון החתן אברהם פוקס נרו יאיר.

אויך איז דער ראש ישיבה אריבער צום קאנטרי' אילן החיים, און שפעטער אויך אריבער צום כולל היכל הקודש ווי עס פארגעקומען גאר א שיינע שמועס מיט די כולל אינגעלייט, דער ראש ישיבה האט שטארק מחזק געווען די אינגעלייט זיי זאלן ווייטער לערנען ווייל דאס בלייבט איבער פונעם מענטש.

**בורא עולם בקנין השלם זה הבנין**

# דער מגיד שיעור איז געווארן א קעשיער



משה ארי׳ שניטצלער

פלוצלונג זעט מען פינף ביינער שטעקן זיך ארויס.

ס׳איז געווען כמעט גרויזאם שרעקעדיג.

מ׳האט כמעט געדארפט רופן הצלה.

אבער עכט האט מען נישט גערופן הצלה. מ׳רעדט נישט דא פון ביינער פון א מענטש, און מ׳רעדט נישט פון א עמ. ווי. עי. (מאטאר וויהיקל עקסידענט). און מ׳דארף נישט רופן הצלה, ברוך השם.

מ׳רעדט אבער יא פון ביינער!

אינמיטן די יום טוב׳דיגע סעודה, דעם ערשטן טאג שבועות, די גאנצע משפחה זיצט בענאזאם, מ׳זינגט דעם וועלט בארימטן מעין עולם הבא׳דיגן והערב נא פון ניגוני ווערצבערגער, די וואס זיצן אויף די רעכטע זייט זינגען "לאו הארמאני", די וואס זיצן אויף די לינקע זייט זינגען היי הארמאני.

מ׳האלט ביי די הויכע פאל, אוי אוי ונהי׳, אוי אנחנו (אוי די זיסקייט פון די ניגון איז דאך אזוי פאסיג צו די זיסקייט פון זאגן משניות, די רבי׳ זאגט אז ס׳איז דא אזא זאך, אז א ניגון זאל זיין אזוי זיס, אז מ׳פילט אז מ׳ווערט אויס) אוי אנחנו וצאצאינו..... אוי טאטע העלף מיינע קינדער זאלן לערנען תורה יעדן טאג.... (אויך צען יאר נאך די חתונה, אויך ווען די חברותא קומט נישט היינט, אויך חול המועד, און אויך ווען ס׳איז חס ושלום נישט דא קיין פעני׳ פרנסה אין שטוב)

אינמיטן די באצויבערנדע זינגעראציע, שפאצירט אריין א גרויסע טאץ, במוט בשנים, צוויי אירע האלטן עס אונטער און מ׳זעט גלייך די ביינער.

פינף אין צאל! פינף ריפן ביינער שטעקן זיך ארויס פון דעם שטור׳עלע וואס האט זוכה געווען צו אנקומען דעם יום טוב שבועות אויף א טיש ווי מ׳זאגט אסאך משניות יעדן טאג פון יאר.

די חתיכה הראוי׳ להתכבד האט מיטגעמאכט א לאנגע וועג, ווייל מיינע קינדער קויפן נישט פלייש כאטשיג וואו, מיינע קינדער פרעגן אן ערליכן איד וואס זיי האבן צו טון, זיי פרעגן פון א ערליכן איד וואו צו קויפן פלייש (דאס איז די גרעסטע נס אין לעבן, אז א טאטע זאל האבן די רואיגקייט פון וויסן אז ברוך השם קינדער רעדן מיט א ערליכן איד אלעס וואס זיי האבן צו טון.)

(מ׳האט געפרעגט עטליכע מאל פון מוהרא"ש, וואו מ׳זאל קויפן פלייש, און מוהרא"ש פלעגט ענטפערן, להסרים למשמעתו)

צו דעם פינעף ריפנ׳דיגער פלייש האט מען געברענגט צוויי טייערע מעסערס, און מ׳האט מכבד געווען איינער פון די מסובין, וואס לערנט יעדן טאג פינף לימודים (מקרא, משנה, גמרא, מדרש, הלכה,) צו טיילן פאר׳ן עולם, און מ׳האט אנגעהויבן טיילן די יום טוב׳דיגע פלייש.

ווער ס׳איז מעביר סדרה יעדע וואך האט באקומען א גרעסערע פארציע (אלע האבן באקומען א גרעסערע פארציע ברוך השם....... שכח אייבערשטער אז מיר טוען די הלכה וואס ווערט געברענגט אין שולחן ערוך, אורח חיים, סימן רפ"ה, סעיף ג׳, אז מ׳קען מעביר סדרה זיין פון זונטאג, און מוהרא"ש זכותו יגן עלינו פלעגט צו זאגן, אז אויב מ׳גייט נישט אויף די וועג פון אנהייבן זונטאג, איז מען עלול צו פארפאסן גאנצעטע וואכן און יארן פון מעביר סדרה זיין)

אבער פארוואס הייב איך אן אינמיטן



פון די מעשה? פארוואס גיי איך נישט אין א סדר?!

דאנערשטאג נאכמיטאג ערב שבועות האמיר זיך ארייגעפאקט אין קאר, אביסל וועש, אביסל ספרים, חומש, משניות, גמרא, תיקוני זהר, אשר בנחל, עצתו אמונה. כ׳האב אויך איינגעפאקט די הייליגע "לשון קדשו", די נשא תורה פון תשכ"ז. כ׳בין דורך די גאנצע תורה במשך די יום טוב. כ׳האב זיך גוט אויסגעוויינט אויף דעם קונטרס, אז די זכות פון רבי׳ן זאל מגין זיין אויף מיר, איך זאל גיין אויף די ריכטיגע וועג, וואס איז ריכטיג אין הימל, נישט ווערן נתפעל וואס מענטשן האלטן, נאר וואס די תורה האלט, וואס די צדיקים האלטן.

א עקסטערע לימוד פון די נשא תורה איז, אז דער רבי האט נישט פארענטפערט אלע קושיות פון די פרשה אזוי ווי געווענליך, דער רבי האט אראפגעלייגט די יסודות פון עיקרי הדת. די קושיות און תירוצים בנוגע וויאזוי צו פארטייטשן די מדרשים און פסוקים, האט ער יענע וואך נישט פארענדיגט. ס׳שטייט דארט אונטן מתחת לקו, אז דער רבי האט געשפירט אז ס׳דרוקט אים ביים הארץ, האט ער געמוזט מקצר זיין. אין די קומענדיגע צוויי דריי וואכן, האט דער רבי משלים געווען וואס ער האט נישט צוגעענדיגט ביי די נשא תורה.

ביי מיר איז דאס א רמז, אז מ׳מוז נאכגיין א צדיק אפילו ווען ס׳שטימט נישט אינגאנצן לויט מיין פארגרעבטן שכל, ס׳מוז נישט שטימען, א צדיק ווייסט וואס ער רעדט, און איך ווייס גארנישט.

מ׳זעצט זיך אריין אין קאר, מ׳פארט ארויס, אזוי פארנדיג זע איך אז איך האב נישט קיין "דזשי פי עס". כ׳האב געטראכט, ס׳העט שוין זיין גוט אזוי...... למעשה איז געגאנגען אלעס כסדר. דער אייבערשטער איז זייער גוט צו מיר.

כ׳בין אנגעקומען אין שטעטל דאנערשטאג נאכט צו די הויז פון מיין טייערע איידעם מו"ה בנציון הי"ו. אונז זענען אנגעקומען האלב צען ביינאכט. כ׳האב געפלאנט ארויס צו פארן אביסל פריער און אנקומען אין צייט צו די לייוו הוק-אפ ניין אזייגער, אבער מ׳האמיר אביסל פארשפעטיגט.

גלייך ווי מ׳קומט אן, זאגט מיין ווייב, פאק נישט אויס די קאר יעצט, ענדערש גיי קודם צום שיעור. כ׳האב געלאזט די קאר ביי די אכסניא און שפאצירט צום בית המדרש.


בעזרת השם יתברך

קונטרס

לשון קדשו

דברות קודש של כ"ק מרן אדמו"ר רבן של ישראל

רבינו יואל טייטלבוים זללה"ה

אבדק"ק סאטמאר יע"א

וגאב"ד עיה"ק ירושלים תובב"א

סעודה שלישית פרשת

ויחי תשי"ד

דרוש התעוררות מוסר לימי השובבי"ם

מהדורא חדשה תשפ"א

נעתקו בלשון אידיש

בהוספת ביאורים והערות

להבנת הענין

שנת תשע"ח לפ"ק

איך קום אן אונטן ביי היכל ראזענבערג, איך זע מ׳האלט אינמיטן מאכן פרעימינג, א נייע שיינע וואנט. איך זע אז ס׳איז אמת וואס מ׳זאגט אויף מו"ה יואל הכהן הי"ו, נאך פאר ער ענדיגט איין פראיעקט, איז ער שוין אריין אין די נעקסטע. ס׳איז דא וואס זאגן אז ווען ער דארף זיך אפרוען פון צו סאך פראיעקטן, רוהט ער זיך אפ דורך אריינטאנצן אין א פראיעקט וואס איז גרעסער פון די וואס האט אים געדארפט אפמוטשענען.

אויפצומארגנס קום איך אין שול, איך זע מו"ה אייזיק הי"ו מאכט די שיינע בלומען כמדי שנה בשנה, איך געב אים א זאג אז ס׳איז זיכער דא מענטשן וואס מיינען אז די בלומען האט געשפראצט העכער׳ן באלעמער פון זיך אליין. זיי טראכטן נישט אז איינער האט אוועקגעגעבן זיין הארץ, כח, נשמה, און זיין שלאף און אזוי איז געווארן די הערליכע בלומען.

כ׳האב אמאל געהערט א שמועס פון צוויי ברסלב׳ע חסידים, אז מוהרא"ש האט געקענט אריינברענגען דעם רבינ׳ס עצות אין די וועלט, נישט ווייל די עצות זענען גוט און סע׳ארבעט, נאר ווייל מוהרא"ש האט פארלוירן זיין בלוט אויף דעם, מוהרא"ש איז געווען גרייט צו זיין בזוי ומבוזה אז א בחור׳ל אין יענע עק וועלט זאל האבן אביסל חיזוק און זיך האלטן ביי אידישקייט טראץ זיינע נפילות וואס דער יצר הרע וואפט אים אראפ יעדן טאג פריש. אז ס׳האט געשפראצט אזא שיינע קהילה מיט אזויפיל משניות און גמרא מוז זיין אז מוהרא"ש האט אסאך בלוט פארלוירן אויף דעם.

לאמיר עס אביסל מפרש זיין, לאמיר מאכן א משל: שטעל דיך פאר א מגיד שיעור מיט דרייסיג תלמידים, שוין

פערציג יאר עקספיריענס.

איינער קומט אים זאגן אז ער האט געהערט א כרוז אין הימל אז אויב דער מגיד שיעור ווערט א קאר סערוויס דרייווער, אדער א קעשיער אין גראסערי, גייען אלע זיינע תלמידים פון דאס יאר האבן א אויסטערלישע הצלחה.

און נישט נאר הצלחה, נאר זיי גייען וואקסן צדיקים קדושים, נישט האבן קיין נדנוד עבירה פון יעצט ביז'ן לעצטן טאג אין לעבן.

וואס וואלט דער מגיד שיעור געטון?

אזא מין חשבון האט מוהרא"ש געמאכט, אויב מיין ספר וועט העלפן אין איינציגע נשמה זאל זיין ערליך פאר נאך "איין" מינוט, דעמאלטס וועל איך עס ארויסגעבן, אפילו אויב די גאנצע וועלט וועט לאכן פון מיר.

דער הייליגער ישמח משה זכותו יגן עלינו פלעגט בעטן דעם אייבערשטן אז משיח זאל שוין קומען, און אויב ער קומט נישט וועגן מיר, ווארף מיך אוועק אויף אייביג, און ברענג משיח פאר דיינע טייערע קינדערלעך.

כ'האב געהערט פון א ברסלב'ער חסיד, אז זיין כח פון גיין הפצה קומט פון די מעשה פון הייליגן ישמח משה, זאלן אלע לאכן און שפעטן פון מיר! אויב איינער פון הונדערט וועט נעמען א קונטרס און פרובירן נאך איינמאל, אפשר קען איך יא היטן די אויגן, האט זיך געלוינט אלע הונדערט וואס נעמען נישט קיין קונטרס.

יום טוב ביינאכט, ביי תיקון ליל שבועות, האב איך געהאט א גרויסע סורפרייז ווען דער ראש ישיבה שליט"א האט ארויף גערופן די מסיימים זאלן מאכן זייער סיום ברבים. כ'בין געווען ווערטערלאז! מו"ה יוחנן הי"ו פון




ירושלים האט מסיים געווען ש"ס צום צווייטן מאל!

א קושיא!

א קושיא אויף מפיצים! אויב אזא געשמאקער דאון-טו-ערטה מענטש ווי יוחנן קען ענדיגן ש"ס קען דאך יעדער געשמאקער נארמאלער דאון-טו-ערד מענטש ענדיגן ש"ס! וואו זעמיר אויף דער וועלט? פארוואס שלאף איך? פארוואס גיי איך נישט מער הפצה?! אוי מפיץ מפיץ! וועקט אייך אויף!

איך רעד נישט יעצט פון די מפיץ וואס גייט מיט א שאפינג בעג מיט ספרים, די וועג פון הפצה איז דאך קאי וקיימא. איך רעד צו די מפיץ וואס לייגט ארום צען קארטעלעך א וואך, צוואנציג גליונות א חודש, ווען דו וואלסט געוואוסט וואס דו טוסט וואלסטו געטאנצן פון צופרי ביז ביינאכט!

ר' מפיץ! דו ווייסט נישט וואס מענטשן ליידן. מענטשן ליידן שטילערהייט.

ס'איז דא שטובער וואו מ'פארשעמט און באליידיגט איינער דעם צווייטן!

לאמיר זאגן א בחור פון משפחת טשיזדעלקעלע האט חתונה געהאט מיט א מיידל פון משפחת טשולנטכרעמזל.

דער טאטע זאגט נעבעך פאר די מאמע "טיפיקל טשולנטכרעמזל! יעדער איז איר שולדיג!"

און די מאמע זאגט פארן טאטן "טיפיקל טשיזדעלקעלע, מאכט זיך זיס אינדרויסן פאר מענטשן און באקומט א הנאה פון פארשעמען און דערנידערן ווען קיינער כאפט נישט" (זי זאגט עס נישט, זי ציטערט, זי טראכט עס שטילערהייט)

דו ווייסט ווי דאס טוט וויי?!

און ס'איז דא שטובער ווי קינדער האלטן דאס נעבעך מיט!

דאס קען מען נישט זען אין שול.

הרב טשיזדעלקעלע מאכט זיך פאר זיין רב ווי א שיינער איד, ער האט א ווארט אויף די פרשה יעדע וואך פון יאר! אפילו אין א יאר וואס מ'זאגט יא די הפטורה פון פרשת מקץ האט ער א וואונדערבארע ביאור דערויף פונעם בעל מחבר "ווערטעלעך של פערפעלעך", און אינדערהיים קען ער פארשעמען און וויי טון.

(איך מיין נישט דוקא אז דער מאן איז נאר דער וואס פארשעמט, ס'איז דא שטובער וואו ס'איז פארקערט, די פרוי פארשעמט דעם מאן און מאכט זיך בא'טעמ'ט אז מענטשן זאלן נישט כאפן. בדרך כלל פלעגט מוהרא"ש רעדן זיינע שלום בית דרשות צו די מענער, אין מער פעלער איז דער מאן דער וואס קען מאכן אז די שטוב זאל זיין געשמאק און לעכטיג).

עס איז נישט געבליבן קיין אנדערע ברירה נאר מיר זאלן מוזן ארויסלייגן נאך איין קארטעלע, מזכה זיין נאך איין איד מיט לעבן מיט די רבי'ס עצות, לעבן מיט זאגן משניות, לעבן מיט רעדן צום אייבערשטן.

דו ביסט דאך א קלוגער מענטש, אפשר קענסטו מיר זאגן פארוואס האט דיין העמד א טאש? אז דו זאלסט אריינלייגן יעדן טאג צוויי דריי קארטעלעך און עס ארלעדיגן במשך דעם טאג.

# כי תקדמנו ברכות טוב

## אלה יעמדו על הברכה

ידידינו החשובים אשר תרמו והיו לשותפים במוסדותינו הקדושים
בארץ ישראל על טהרת הקודש

### תלמוד תורה היכל הקודש
עיה"ק ירושלים ת"ו

**שותף שבוע**

יואל"ש ומרים קרויס

שמעון פרידלאנד

**שותף יום**

נחמן ישראל וגיטל ברכה יאקאבאוויטש

משה זילברמאן

### תלמוד תורה היכל הקודש
עיה"ק טברי' ת"ו

**שותף שבוע**

**שותף יום**

נחמן ישראל וגיטל ברכה יאקאבאוויטש

לוי יצחק ודבורה זאפיר

איך העולם מתקיים אלא בשביל הבל תינוקות של בית רבן

**שותפים**

שותפים פראיעקט - החזקת מוסדות היכל הקודש אין ארץ ישראל

**על טהרת הקודש**

בנשיאות מורינו **הראש ישיבה** שליט"א

### ישיבה קטנה היכל הקודש
עיה"ק ירושלים ת"ו

**שותף שבוע**

יואל"ש ומרים קרויס

איציק מענדעלאוויטש

**שותף יום**

נחמן ישראל וגיטל ברכה יאקאבאוויטש

יעקב שאול ושרה פיש

לוי יצחק ודבורה זאפיר

### בית פיגא
עיה"ק ירושלים ת"ו

**שותף שבוע**

**שותף יום**

נחמן ישראל וגיטל ברכה יאקאבאוויטש



# מעשיות פון תפילה

**שלום שניטצלער - וויליאמסבורג:**

**א)** איך האב געקויפט לענסעס אין איינע פון די לאקאלע געשעפטן דא אין שטאט, איך האב באצאלט פאר די לענסעס און ארויס שפאצירט פון געשעפט. אויפן וועג אהיים האב איך זיך אפגעשטעלט אין ישיבה, (שכח אייבערשטער איך האב די זכי' אויפצורוימען די ישיבה יעדן פארנאכטס) איבריג אויסצושמועסן אז ווען איך בין אנגעקומען אהיים האב איך געזען אז די לענסעס איז נישטא, איך האב געטראכט אז מארגן וועל איך גיין אין ישיבה און עס אפנעמען פון וואו איך האב עס איבערגעלאזט.

צומארגנס קום איך אן אין ישיבה, איך זוך אהער איך זוך אהין, אבער די לענסעס איז נישטא... איך האב זיך אבער נישט פארלוירן, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל טרעפן מיין לענסעס. פלוצלינג הער איך ווי דער מלמד ר' ישעי' איידליס רופט אויס: "ווער האט פארלוירן לענסעס?... ענד די רעסט איז היסטער'...

**ב)** נאך אן ענליכע מעשה האב איך געהאט ווען איך האב פארלוירן א טייערע האנט זייגער אין די מקוה נעבן מיין שטוב, פרעגן דעם מקוה איד האט נישט געהאלפן. האב איך ווייטער געניצט די וואונדערליכע עצה פון בעטן דעם אייבערשטן יעדע קלייניגקייט, און דער אייבערשטער האט געהאלפן, פינף מינוט שפעטער האב איך געטראפן די זייגער.

**אשר אנשיל ראזנער - מאנסי:**

ערב שבועות בין איך געפארן קיין לעיקוואד צו זיין ביי מיין טאטע אויף יום טוב, קוים אפאר מינוט נאכן ארויספארן האט די קאר באקומען א פלעט טייער.

אנפאנג בין איך נאך געווען רואיג וויבאלד ס'איז א ספעציעלע מין רעדל וואס איז געמאכט ס'זאל נאך קענען פארן שטייט אפילו ווען ס'האט א לאך, און ס'איז נאך געווען טרעפיק אויך, האב איך זיך נישט געהאט וואו צו יאגן, אבער ס'איז אריבער א שטיק צייט און די טרעפיק איז פאריבער, די גאנצע הייוועי שמייסט און מיר דארפן פארן שטייט אין די זייט, וואס טוט א איד ווען מען הייבט אן שפירן פארלוירן?

איך האב נישט געטראכט קיין צוויי, איך האב גלייך איינגעשפאנט די גאנצע פאמיליע און צוזאמען האבן מיר געבעטן דעם אייבערשטן מיר זאלן אנקומען בשלום קיין לעיקוואד נאך פאר יום טוב, און דער אייבערשטער האט צוגעהערט אונזערע תפלות, מיר זענען אנגעקומען אין לעיקוואד גענוג צייט פאר יום טוב אנדעם וואס איינער פון אונז אדער די קאר זאל געשעדיגט ווערן.

שכח אייבערשטער!

# א בריוו

## פונעם ראש ישיבה שליט"א

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ח סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרַט קָטָן**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

נִישְׁט אַלֶעס דַארְף גֵיין אַזוֹי וִוי דוּ הָאסְט אוֹיסְגֶעטְרַאכְט; הָאסְט חַתוּנָה גֶעהַאט דַארְפְסְטוּ וִויסְן אַז דוּ דַארְפְסְט זִיךְ רֶעכֶענֶען מִיט דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ', פּוּנְקְט אַזוֹי וִוי דוּ הָאסְט מֵיינוּנְגֶען הָאט זִי אוֹיךְ אִירֶע מֵיינוּנְגֶען אוּן דוּ דַארְפְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אִיר.

אִיךְ בֶּעט דִיר טוּישׁ דַיין אוֹיפְפִירוּנְג וִוי שְׁנֶעלֶער וַוייל דִי אַלֶע וָואס שַׁאפְן אוֹיפְן צְוֵוייטְן עֶנְדִיגְט זִיךְ עֶס נִישְׁט גוּט בַּיים סוֹף, עֶס פְּלַאצְט אִינְגַאנְצְן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (גִּיטִּין ז.): "**לְעוֹלָם אַל יַטִּיל אָדָם אֵימָה יְתֵירָה בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ**", אַ מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט לֵייגְן אַ פַּחַד אִין שְׁטוּבּ, וַוייל בַּיים סוֹף פְּלַאצְט אַלֶעס אוּן מֶען קוּמְט צוּ אַלֶע שְׁלֶעכְטְס, אוּן חַזַ"ל פִּירְן אוֹיס: "**כָּל הַמֵּטִיל אֵימָה יְתֵירָה בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ, סוֹף הוּא בָּא לִידֵי שָׁלֹשׁ עֲבֵירוֹת - גִּלּוּי עֲרָיוֹת, וּשְׁפִיכוּת דָּמִים, וְחִילּוּל שַׁבָּת**", אַז מֶען לֵייגְט אַ פַּחַד אִין שְׁטוּבּ וֶועט מֶען צוּם סוֹף צוּקוּמֶען צוּ נִכְשָׁל וֶוערְן מִיט דִי דְרֵיי הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת: 'גִילוּי עֲרָיוֹת', 'שְׁפִיכוּת דָּמִים' אוּן 'חִילוּל שַׁבָּת'.

אַז דוּ וֶועסְט תְּשׁוּבָה טוּן, דוּ וֶועסְט אַוֶועק וַוארְפְן אַלֶע דַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן וְכוּ' וְכוּ', וֶועט דַיין וַוייבּ זַיין גוּט צוּ דִיר אוּן זִי וֶועט אַלֶעס טוּן פַאר דִיר, זִי וֶועט גֵיין אִין פֵייעֶר אוּן אִין וַואסֶער פַאר דִיר, אָבֶער דוּ דַארְפְסְט אָנְהֵייבְּן צוּ רֶעדְן שֵׁיין, זִיךְ אוֹיפְפִירְן וִוי אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוֹיפְהֶערְן שְׁרֵייעֶן אוּן אוֹיפְהֶערְן טֶערֶערָאזִירְן; אַזוֹי פִירְט זִיךְ נִישְׁט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

זַיי נִישְׁט בְּרוֹגֶז אַז אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר אַזוֹי שַׁארְף; אִיךְ מֵיין נָאר דַיין טוֹבָה, אִיךְ צִיטֶער אַז דַיין שְׁטוּבּ זָאל נִישְׁט צוּפַאלְן. בֵּייג אַיין דַיין קָאפּ, מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט נָאךְ אַ טַייטְשׁ בְּשֵׁם דֶעם הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי מֵאִיר'ל פוּן פְּרֶעמִישְׁלַאן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס טַייטְשְׁט דֶעם פָּסוּק (בַּמִּדְבָּר ז, יד): "**כַּף אַחַת עֲשָׂרָה זָהָב מְלֵאָה קְטֹרֶת**" - "**כַּף אַחַת**", כַּף אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן אַיינְבֵּייגְן (כְּפִיפָה), אַז אַ מֶענְטְשׁ בֵּייגְט זִיךְ אַיין זַיין גַאֲוָה פַאר זַיין וַוייבּ, "**עֲשָׂרָה זָהָב מְלֵאָה קְטֹרֶת**", וֶועט עֶר וֶוערְן רַייךְ אוּן הָאבְּן שֶׁפַע.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדוֹת, אוֹת נִאוּף, סִימָן יח): "**הַבַּעֲלֵי חֶשְׁבּוֹנוֹת - עַל פִּי רֹב הֵם בַּעֲלֵי תַּאֲוַת נִיאוּף**", דִי בַּעֲלֵי חֶשְׁבּוֹנוֹת זֶענֶען גֶעוֶוענְלִיךְ בַּעֲלֵי עֲבֵירוֹת; הֶער אוֹיף מַאכְן חֶשְׁבּוֹנוֹת אַזוֹי סַאךְ אוּן מַאךְ שָׁלוֹם.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ פְרֵייליכְן שַׁבָּת.**



# א שיחה

## פון דער ראש ישיבה שליט"א

## סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל

**אִין אַ שְׁמוּעֶס וֶועגְן דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל' הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעזָאגְט:** מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר פְּלֶעגְט זֶען וִוי יוּנְגֶעלַייט זוּכְן פַאר'ן דַאוֶוענֶען אִין חַסִידִי"שֶׁע סְפָרִים שְׁטִיקְלֶעךְ וָואס וֶועט זֵיי דֶערְוַוארֶעמֶען דָאס הַארְץ צוּ דַאוֶוענֶען בַּכַּוָּנָה, עֶר הָאט גֶעזֶען וִוי מֶען מִישְׁט אַהִין אוּן מֶען מִישְׁט אַהֶער, מֶען נֶעמְט אֵיין סֵפֶר אוּן נָאכְדֶעם נָאךְ אַ סֵפֶר, בִּיז מֶען גֵייט דַאוֶוענֶען אִינְגַאנְצְן צוּבְּרָאכְן. הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶעזָאגְט: 'אִיךְ וֶועל אַרוֹיס גֶעבְּן סְפָרִים וָואס מֶען וֶועט נִישְׁט דַארְפְן מִישְׁן אַהִין אוּן אַהֶער, נָאר וואוּ אִימֶער מֶען וֶועט עֶפֶענֶען וֶועט מֶען גְלַייךְ טְרֶעפְן אַ שְׁטִיקְל וָואס מֶען וֶועט וֶוערְן דוּרְכְדֶעם צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן'.

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט פַאר אֵיינֶעם אִין 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל': "אוֹיבְן אִין הִימְל לַאכְט מֶען פוּן דִיר אַז דוּ בִּיסְט צוּבְּרָאכְן וֶוען דוּ קֶענְסְט וֶוען לֶערְנֶען אֲשֶׁר בַּנַּחַל וָואס דָאס וֶועט דִיר אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דַיין צֶעבְּרָאכְנְקַייט"; וַוייל וֶוער עֶס לֶערְנְט דֶעם סֵפֶר 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל' הֵייבְּט אָן לֶעבְּן מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר זֶעט אִין יֶעדֶע זַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶס אִיז מֶער נִישְׁט דָא בַּיי אִים קַיין שְׁלֶעכְטְס, נָאר אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים אִיז גוּט.

זַייט אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶועןּ צוּ מְקוּרָב וֶוערְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דוּרְךְ דֶעם סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ אֲשֶׁר בַּנַּחַל (חֵלֶק כז) הָאט זִיךְ מַיין לֶעבְּן גֶעטוֹישְׁט; מַיינֶע אַלֶע דִיבּוּרִים אוּן חִיזוּקִים נֶעם אִיךְ פוּן דִי הֵיילִיגֶע בְּרִיוְון, אוּן אִיךְ הָאבּ צוּגֶעזָאגְט פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ וֶועל דָאס דְרוּקְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אָן קַיין אוֹיפְהֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ וָואס וֶועט צוּזַאמְנֶעמֶען אַלֶע אִידְן, "כָּל יִשְׂרָאֵל", אִיז בְּגִימַטְרִיָּא 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל' אוּן אוּנְז אוֹיסְלֵייזְן פוּן גָלוּת.

# אינטערוויוס

יואל וועבערמאן



# חתונה אין מדרש

## פיפטע קינד חתונה
## געמאכט אין בית המדרש



עס איז נישט קיין סוד אז די לעצטע צענדליגע יארן מוטשעט זיך כלל ישראל מיט די פראבלעם פון חתונה מאכן, אז דאס ציעט אריין אין שווערע הוצאות פון וועט מען ברעכט טעלער ביז נאכן לעצטן שבע ברכות.

גאר אסאך לעזונגען איז שוין געווען אויפן טיש פון אלע זייטן, סיי קהילות האבן פרובירט צו טון דערוועגן, אזוי אויך יחידים האבן זיך אריינגעלייגט און פרובירט וואס מען קען נאר, צו טרעפן די ריכטיגע לעזונג צו די פראבלעם.

ברוך השם אז דער ראש ישיבה האט זיך די לעצטע יארן אריינגעלייגט אין דעם, און אנגעהויבן אויסטרעטן א וועג פאר אונז וויאזוי מען קען חתונה מאכן די קינדער אן קיין חובות און אן קיין איבעריגע דאגות. דעם וועג האט דער ראש ישיבה גענומען פון אונזער גרויסער רבי מוהרא"ש זכותו יגן עלינו וואס האט דאס שוין געטון אינעם שטאט יבנאל עיר ברסלב אין ארץ ישראל, וואס דארט האט ער אהערגעשטעלט א ספעציעלע זאל אינטערן בית המדרש וואס איז געווען געווידמעט ספעציעל פאר חתונות פון אנשי שלומינו, צו קענען חתונה מאכן אומזינסט, און דאס האט דער ראש ישיבה אנגעהויבן צו נאכמאכן אויך דאהי אין ישיבה, מען האט אהערגעשטעלט די ישיבה אין וויליאמסבורג אויף 27 סקילמאן, עס זאל זיין אוועקגעשטעלט פאר חתונות, מו"ה אייזיק אפפעל הי"ו האט שיין איבערגעמאכט דעם פלאץ עס זאל זיין גרייט צו מאכן חתונות.

די ערשטע חתונה אין בית המדרש איז געווען זעקס יאר צוריק, די צוויי מחותנים זענען געווען מו"ה משה ארי' שניטצלער הי"ו און מו"ה אהרן וועבערמאן הי"ו.

יעצט, זעקס יאר שפעטער האט שוין מו"ה אהרן הי"ו חתונה געמאכט דעם פיפטן קינד אין בית המדרש, נאכן זיך שפארן גאר גרויסע געלטער ביי יעדע חתונה באזונדער.

עס וואלט געווען אינטערעסאנט צו הערן פון ר' אהרן אליין וואס ער האט צו פארציילן וועגן דעם, לאמיר טאקע הערן פון אים אליין אויב דאס האט זיך אים געלוינט, און אויב יא, איז דאס א זאך וואס אנדערע קענען נאכמאכן.



**שלום עליכם ר' אהרן**

עליכם השלום, איך בין זייער פריילך צו האבן דעם אינטערוויו מיט דיר, ווייל אויב דער שמועס וועט איינשפארן געלט פאר נאר איין מענטש, האט זיך עס שוין געלוינט.

**די וויפלטע קינד האסטו יעצט חתונה געמאכט?**

איך האלט יעצט ביים אכטן קינד ברוך השם, און דאס איז די פיפטע קינד וואס איך מאך חתונה אין בית המדרש געלויבט דער אייבערשטער.

**וויפיל האט דיר געקאסט די יעצטיגע חתונה?**

איך האב ברוך השם נישט אויסגעגעבן קיין סאך געלט, די נס איז אז ביי מיר אין שטוב וויל מען אויך דעם וועג, און מען שטייט נישט אויפן טאטן אז ער מוז אלעס צושטעלן בשעת עס איז נישטא פון וואו צו נעמען געלט.

ביים מיין ערשטע קינד וואס איך האב חתונה געמאכט אין ישיבה, האט שוין די גאס גערודערט א חודש פאר די חתונה, אז דא גייט זיין א היסטארישע זאך, עס גייט פארקומען אין וויליאמסבורג א חתונה אין בית המדרש.

דעמאלט זענען זייער אסאך מענטשן צוגעקומען צו מיר און פארציילט וויאזוי עס גייט צו ביי זיי די חתונה מאכן, איך האב דעמאלטס אויסגעפרעגט איבער הונדערט מחותנים פון אלע חסידות'ער, פון אמעריקע, פון ארץ ישראל און פון אייראפע, האב איך דעמאלטס געזען אז עס איז זייער שרעקעדיג וויאזוי מענטשן מאכן חתונה מיט אזעלכע הויכע סטאנדארטן, און די צרה איז אז רוב פון די מענטשן פארציילן נישט פאר אנדערע וויאזוי זיי קענען אויפקומען מיט די ריזיגע סכומים, עס ליגט אין זיי און עס שטעכט זיי אין הארץ. דעמאלט האב איך אנגעהויבן כאפן און זען וואס מענטשן טוען אלס צו קענען זיך געפעלן און אהערשטעלן ווי עס דארף צו זיין פאר אנדערע, און דאס האט מיר טאקע געגעבן די כח צו גיין ווייטער און חתונה מאכן אין בית המדרש.

אויך אינטערעסאנט צו אנמערקן אז רוב מענטשן וויסן אפילו נישט וויפיל געלט זיי ספענדן במשך די גאנצע שמחה. ביי די חתונה די וואך פון מיין זון איז צוגעקומען צו מיר איינער וואס האלט אויך נאכן חתונה מאכן און זאגט מיר אריין אין די אויער: "איך בין דיר זייער מקנא", פרעג איך אים וויפיל האט ביי דיר געקאסט חתונה מאכן? זאגט ער מיר "ביז זעכציג טויזענט דאלער האב איך נאך געהאלטן חשבון, נאכדעם האב איך שוין פארלוירן דעם חשבון"...

דא אין היכל הקודש האט דער ראש ישיבה אראפגעשטעלט וואס מען זאל קויפן און ספענדן און וואס נישט, דער ראש ישיבה האט דעמאלטס געהאט ארויסגעגעבן א רשימה פונקטליך, וואס איז דעמאלט געשטאנען אינעם גליון היכל הקודש. איך האב נישט אראפגעשריבן קיין רשימה מיט א סך הכל פון וואס איך האב געספענדט, אבער אזוי פיל ווייס איך יא, אז עס איז געווען אינטער צען טויזענט דאלער.

ביי די ערשטע דריי קינדער - וואס די חתונות איז נישט געווען אין ישיבה, ווייל עס איז נאך געווען פאר די צייטן וואס מען האט חתונה געמאכט אין ישיבה - בין איך נישט אריבער געגאנגען העכער צוואנציג



חתנה פון מו"ה מנחם שטיינבערג הי"ו
איידעם פון מו"ה אהרן וועבערמאן הי"ו

טויזענט.

ווען איך האב אנגעהויבן חתונה מאכן מיינע קינדער אין בית המדרש האב איך גערעדט צו א קרוב אן עלטערער איד, וואס איז מער א פארמעגליכער, איך האב אים געפרעגט וויפיל געלט ער האט אויסגעגעבן ביי די חתונות פון זיינע קינדער ביז אהער, האט ער מיר געזאגט אז ער פלעגט חתונה מאכן זיינע קינדער אין ... זאל, און די נאכט פון די חתונה האט געקאסט א קנאפע צען טויזענט דאלער, און אלעס ארום די חתונה נאך בערך צוואנציג טויזענט. און ער לייגט מיר צו אז דאס איז די פראבלעם פון היינטיגע צייטן אז מען ספענדט די געלט פאר יענעם, מען גיט אויס מער געלט פאר די חתונה נאכט כדי מענטשן זאלן זאגן WOW, אבער עס בלייבט גארנישט איבער פון דעם. ביי מיר האב איך ענדערש אויסגעגעבן געלט פאר די קאפל זיי זאלן קענען האבן די באדערפענישן אין שטוב, און די נאכט פון די חתונה האב איך נישט צופיל אויסגעגעבן.

**וואס האט דיר געקאסט מער ביי די ערשטע דריי קינדער ווען דו האסט נאך חתונה געמאכט אין א זאל?**

עס האט מיר געקאסט די זאל, די פיקטשערס, און אויך די איבעריגע מתנות וואס איך געב שוין היינט נישט. די זינגער, די שפילער האט מיר נישט געקאסט ווייל עס איז געווען צוויי בחורים פון ישיבה וואס זענען געקומען שפילן און זינגען פאר אומזיסט. אויך דער בדחן האט מיר נישט געקאסט, איך האב דעמאלט אריינגעברענגט די זאך פון אויסרופן ביי די מצוה טאנץ "יעמוד יעמוד", און דאס האט מען ברוך השם נאכגעמאכט אין בית המדרש, און עס גייט אזוי אן עד היום הזה.

**וואס איז דער עיקר געדאנק פון חתונה מאכן אויף אזא סטאנדארט, איז דאס בעיקר צו שפארן די נאכט פון די חתונה, אדער די ארום און ארום?**

**"אבער זיי ווייסן שוין אז מען געבט נישט אויס געלט וואס מען האט נישט"**



ביידע! סיי עס שפארט די נאכט פון די חתונה, ווייל עס קאסט נישט גארנישט ברוך השם, עס ווערט אלעס צוגעשטעלט אויף א גאלדענעם טאץ אין בית המדרש, און סיי מען ספענדט נישט קיין איבעריגע געלט אויף די זאכן ארום און ארום.

דער אמת איז אפילו די אינגעלייט פון אנשי שלומינו וואס מאכן נישט חתונה אין בית המדרש אבער זיי ווייסן שוין אז מען געבט נישט אויס געלט וואס מען האט נישט, שפארן זיך א געוואלד, צוליב דעם וואס זיי געבן נישט אויס קיין געלט אויף איבעריגע זאכן און אויף מתנות וכדומה.

**איז דא א חילוק פונעם ערשטן חתונה וואס דו האסט חתונה געמאכט אין בית המדרש ביז די יעצטיגע חתונה?**

כמעט די זעלבע. איין זאך איז יא א חילוק, דעמאלט ביים ערשטן חתונה איז עס נאכנישט געווען אזוי אויסגעטרעטן ווי היינט, במילא האבן זיך געמאכט פארשידענע פראבלעמען, ווי למשל מענטשן האבן מיטגעברענגט עסן, צוליב דעם וואס זיי האבן אנגעקוקט אז חתונה מאכן אין בית המדרש איז א פארשעמטע זאך און מען שטעלט נישט צו געהעריג עסן, וואס דאס איז שוין היינט אסאך בעסער אהערגעשטעלט און מען ווייסט שוין קלאר וויאזוי אלעס אהערצושטעלן על צד היותר טוב, און מענטשן שעמען זיך שוין נישט אזוי מיט דעם.

**וויפיל געלט שפארסטו זיך מיטן חתונה מאכן אין בית המדרש?**

עס וואלט מיר געקאסט חתונה מאכן א קינד בערך דרייסיג טויזענט דאלער. דאס איז נאמבערס וואס איך ווייס קלאר ווייל איך האב גערעדט צו גאר אסאך מענטשן, און דאס איז די מינימום וואס עס וואלט געקאסט חתונה מאכן אין א זאל.

אבער דער אמת איז אז די נאמבער דרייסיג טויזענט קען זיין איז שוין היינט נישט אמת,

ווייל ווען איך האב אויסגעפרעגט מענטשן איז עס געווען אפאר יאר צוריק, פאר די קאוויד צייטן, אבער היינט וואס די פרייזן זענען גאר שטארק געשטיגן איז עס מן הסתם אסאך העכער פון דרייסיג טויזענט.
איך האב אויך גערעדט צו אידן פון ארץ ישראל וואס עס קאסט דארט חתונה מאכן. איך האב געטראפן א איד פון ארץ ישראל וואס גייט נאך געלט, זאגט ער מיר אז זיין ווייב שרייבט אפ א ליסטע פונקטליך וואס מען ספענד, כדי ער זאל קענען ווייזן בשעת'ן גיין נאך געלט, אז מענטשן זאל זען אז ער ספענד נאר אויף מינימאלע הוצאות. זיינע הוצאות איז געווען בערך פינף דרייסיג טויזענט, די מעשה איז געווען אפאר יאר צוריק.
היינט האב איך גערעדט צו א איד פון ארץ ישראל און ער זאגט מיר אז די מינימום האלט שוין דארט ביי פינף און פערציג טויזענט דאלער.

**לאמיר רעדן פון די חתונה אליין, איך בין געווען ביי די חתונה, עס איז געווען גאר א פריילעכע חתונה, די בחורים מאכן זייער פריילך און טאנצן זייער געשמאק און לעבעדיג. אבער ביי די סעודה האב איך געזען אז עס איז געווען אנגעגרייט אויף א פשוטע וועג, ווי למשל פלעסטיג טישטיכער, פלעסטיג דישעס, געפילטע פיש און אזוי ווייטער, וואלסט נישט געוואלט האבן בעסער און שענער פון דעם?**

איך וועל דיר זאגן דעם אמת, איך פון מיין זייט האב איך געוואלט עס זאל זיין צוגעשטעלט אפילו נאך ווייניגער פון דעם, אבער דער ראש ישיבה האט מיר דעמאלט געזאגט אז איך זאל דאס נישט טון, במילא האבן מיר יא אהערגעשטעלט שענער. ביי די פרויען זייט האט דער ראש ישיבה וועקגעשטעלט עס זאל זיין זייער שיין צוגעשטעלט אויף א שענערע סטאנדארט ווי ביי די מענער, דער ראש ישיבה האט געשטעלט מרת אפפעל תחי' זאל זיין בראש און זען אלעס זאל קלאפן על צד

**"שבת שבע ברכות מאך איך אליין היימיש געקאכט אין שטוב"**



היותר טוב, די עסן, די זאל וכדומה.
דאס זענען אלע מודה אז בשעת מען טאנצט הערשט א געוואלדיגע שמחה וואס איז נישט דא אין ערגעץ, אלע וואס האבן שוין דאס מיטגעהאלטן זענען דאס מודה.

**אויב ביזטו בעל הבית פונעם בית המדרש און דו האסט די מעגליכקייט צו טוישן, וואלסטו עפעס געטוישט פון וואס עס איז יעצט?**

איך לכשעצמי לאך שוין היינט פון די גאנצע זאך, ווייל איך זע שוין אז עס איז א גרויסע דמיון, פאר מיר אליין דארף איך גארנישט. אבער די אמת'ע תשובה איז אז דער ראש ישיבה איז בעל הבית און ער איז מחליט יעדע זאך וויאזוי עס זאל זיין, במילא איז עס נישט קיין שאלה וואס איז נוגע אויף למעשה, מיר גייען נאך דעם ראש ישיבה.

**דאס איז בנוגע די חתונה נאכט. יעצט לאמיר רעדן פון די זיבן טעג שבע ברכות, דו מאכסט א שבע ברכות יעדע נאכט?**

די וואכעדיגע שבע ברכות טעג מאכט מען אינדערהיים, און אויב די מחותן מאכט שטעלט איך מיך צו, דאס האט שוין גארנישט מיט מיר.
שבת שבע ברכות מאך איך אליין היימיש געקאכט אין שטוב, אויב מיין ווייב האט נישט געקענט קאכן פלעג איך בעטן איינער זאל מיר העלפן. איך האב אלעמאל געזוכט צו מאכן די שבע ברכות ביי א פלאץ ווי עס וועט מיר נישט קאסטן קיין געלט.
איין וויכטיגע זאך וואס איך וויל אויסשמועסן איז בנוגע איין שבת שבע ברכות וואס איך האב געמאכט און עס איז געווען גאר פענסי צוגעשטעלט, און מענטשן האבן מיר דעמאלט געפרעגט וואס די פשט פון דעם איז, וויל איך דיר זאגן אז דאס איז געווען ווען א אינגערמאן - וואס האט נאך דעמאלט נישט געכאפט וואס דער ראש ישיבה וויל דא

אוועקשטעלן - האט מיר דעמאלט געזאגט אז ער וויל מיר צושטעלן א א שיינע שבת שבע ברכות, א עלעגאנטע סעודה מיט אלע פיטשעווקעס. איך האב נישט געוויסט אז ער גייט מיר דא צושטעלן א רייכע זאך, איך בין אנגעקומען צו סעודה האט מיר געכאפט א סופרייז, אבער דאס האט למעשה נישט געהאט קיין שייכות מיט מיר.

**איך וויל אריבערגיין רעדן פון די נושא פון מתנות פאר די כלה, דאס הייסט א זייגער, רינגל, קייטל וכדומה, וואס קאסט דיר אלע מתנות צוזאמען?**

דאס ווענדט זיך אויב דער ראש ישיבה האט גערעדט פארן שידוך צו ביידע צדדים, דא הייסט אז ביידע זענען מסכים צו חתונה מאכן אויף אונזער סטאנדארט, דעמאלט קאסט מיר א סך הכל פון בערך זעקס הונדערט דאלער, ווען מען קוקט אן די צירונג זעט עס אויס הערליך שיין, און עס איז באמת שיין און שטארק.

אז מען רעדט שוין פון די מתנות פאר די כלה איז אינטערסאנט צו פארציילן וואס א אינגערמאן האט מיר לעצטענס פארציילט, אז ער האט זיך אריינגעלייגט אין די ליין פון זשולערי, ער האט אויסגעפרעגט אסאך קאפעלס, רוב מענטשן וואס האבן באקומען טייערע זשולערי און די עלטערן האבן נישט געהאט די געלט פאר דעם, האבן ליידער פארלוירן די זשולערי נאך די חתונה...

**לאמיר דיר פרעגן א אינטערעסאנטע שאלה; אויב איינער וואלט צוגעקומען צו דיר און אנגעטראגן אז ער איז גרייט אויסצוצאלן די חתונה נאכט, די זאל מיט אלעס ארום, וואלסטו עס אנגענומען און געגאנגען חתונה מאכן אין א זאל, אדער וואלסטו נישט געקוקט אויף דעם, נאר ווייטער חתונה געמאכט אין בית המדרש?**

פאר די ערשטע חתונה וואס איך האב געמאכט אין בית המדרש איז איינער צוגעקומען זאגן אז ער איז גרייט צו באצאלן די חתונה, אפילו אויב איך וויל מאכן אין קאנטינענטאל זאל איז ער עס גרייט צו באצאלן. האב איך אים געזאגט אויב מיינסט עס אמת'דיג וואלט איך עס געוואלט האבן בכתב - אפגעשריבן און גע'חתמ'ט מיט צוויי עדות, פארשטייט זיך ער איז קיינמאל נישט צוריקגעקומען צו מיר...

איך וואלט עס קיינמאל נישט אנגענומען פון יענעם, איך האב שוין ברוך השם ביי מיין ערשטן קינד חתונה געמאכט אויף א פשוטע וועג וואס אנדערע האבן נאך דעמאלט נישט געטון, ווייל איך האב שוין יארן פארדעם געמאכט טעראפי אין מיין קאפ אז איך וויל אזוי חתונה מאכן, וואס דאס איז אלעס א דאנק פון אונזער רבי מוהרא"ש.

איך פלעג אסאך לערנען די בריוון פון מוהרא"ש וואס איז געדרוקט אין ספר 'אשר בנחל', און אין יעדן באנד האב איך געזען וויאזוי מוהרא"ש בעט זיך אז מען זאל חתונה מאכן אויף אזא וועג אז עס זאל נישט קאסטן קיין געלט. מיר איז עס שטארק אריין אין קאפ, אז איך וויל אזוי חתונה מאכן, עס איז גראדע געווען גאנץ אינטערעסאנט צו זען אז אנדערע אינגעלייט אין היכל הקודש זענען בכלל נישט ביי דעם אז מען דארף אזוי חתונה מאכן, אבער איך האב אפגעמאכט אז איך קוק נישט אויף קיינעם, און ברוך השם אז מיין ווייב איז געשטאנען מיט מיר און איך האב דאס געקענט באווייזן שוין ביים ערשטן קינד צו חתונה מאכן אויף א באשיידענעם אופן.

אז מען רעדט שוין פון חתונה מאכן אין א שיינע זאל, איז אינטערעסאנט צו פארציילן וואס איך האב געהערט פון א אינגערמאן וואס האט געארבעט ביים טייערסטן חתונה זאל וואס איז דא אין ניו יארק, ער פלעגט מיר אריבער רופן ווייזן וואס מענטשן ספענדן אלץ ביים חתונה מאכן און אזוי ווייטער, און מען רעדט פון מענטשן וואס האבן די געלט. פלעגט ער

> "מוהרא"ש בעט זיך אז מען זאל חתונה מאכן אויף אזא וועג אז עס זאל נישט קאסטן קיין געלט"



חתונה פון מו"ה אשר בער אינדארסקי הי"ו איידעם פון מו"ה אהרן וועבערמאן הי"ו - סיון תשע"ב

מיר ווייזן א אינטערעסאנטע זאך אז נאך די חתונה קומען אריין די מחותנים אין קאך און בעטן מען זאל איינפאקן די עסן וואס בלייבט איבער כדי דאס צו אהיימטראגן פאר די קאפל, האב איך אים געפרעגט וואס איז פשט פון דעם? זיי האבן נישט מארגן קיין שבע ברכות? האט ער מיר מסביר געווען אז זיי טוען דאס פשוט ווייל זיי קענען נישט נעמען דעם פאקט אז זיי האבן דא אויסגעגעבן אזויפיל געלט פאר איין נאכט און דאס איז אדורך ווי א אויגן בליק, זיי ווילן שפירן אז זיי נעמען נאך עפעס מיט פון דעם גאנצן נאכט, במילא בעטן זיי מען זאל זיי כאטש איינפאקן די עסן וואס איז געבליבן...

עס איז זייער וויכטיג א מענטש זאל האבן א מורה הוראה א ערליכער איד וואס ער פרעגט וויאזוי און וויפיל ער מעג אויסגעבן בשעת ער מאכט א שמחה, זיך אדורכרעדן אויב להלכה מעג ער אויסגעבן געלט, און אויב יא וויפיל ער מעג ספענדן.

**איך וואלט דיר געוואלט פרעגן א אינטערעסאנטע שאלה, איך פארשטיי אז ביי דיר האסטו שוין אפגעמאכט אז דו מאכסט אזוי חתונה, אבער וואס טוסטו מיט די משפחה מיטגלידער וואס קומען מיטהאלטן די שמחה און זיי שפירן זיך פארשעמט מיט די גאנצע געדאנק פון חתונה מאכן אין בית המדרש, וואס וואלסטו געזאגט ווענן דעם פראבלעם?**

ביי די ערשטע מאל וואס מען מאכט חתונה אין בית המדרש איז עס טאקע נאך א שווערע זאך, עס נעמט צייט ביז ווען די משפחה נעמען דאס אריין אין זיך און זיי הייבן עס אן ארויפצוקוקן.

ביי מיר אז טאקע אזוי געווען, אז די ערשטע מאל פאר האט מען עס אזוי אנגעקוקט ווי א פארשעמטע זאך, אבער היינט ווען איך האב שוין חתונה געמאכט בשעה טובה דעם פיפטן קינד אין בית המדרש, איז נישט נאר אז זיי שעמען זיך נישט דערמיט, נאר אדרבה זיי שעצן מיר

> ”זייט נישט קיין בטלנים און פאלגט'ס וואס דער ראש ישיבה זאגט“

און קוקן מיר גאר שטארק ארויף, און געבן מיר כסדר חיזוק אויף דעם וואס איך מאך אזוי חתונה.

אבער דאס קען נאר צושטאנד קומען ווען די מאן און ווייב זיין ביים זעלבן מיינונג אז זיי ווילן דאס טון און זיי זענען גרייט אויף אלעס וואס מענטשן וועלן זאגן.

ביי איינע פון די חתונות וואס איך האב געמאכט אין בית המדרש האט מיר דער ראש ישיבה געזאגט: "איך בעט דיר שטעל דיר נישט אויף פון בענקל, און הער נישט גארנישט וואס מענטשן פרעגן דיר און זאגן דיר הערות און הגהות, אז איינער פרעגט דיר עפעס פארוואס אהער פארוואס אהין זאלסטו זאגן אז דאס האט גארנישט מיט דיר".

און טאקע יעצט ביי די חתונה פון מיין זון נחמן יואל נרו יאיר האב איך מיך שיעור פארגעסן, איך האב כמעט אנגעהויבן צו ווערן אינוואלווד אין געוויסע זאכן וואס מענטשן האבן מיר געבעטן בשעת מעשה, אבער ברוך השם איך האב מיר דערמאנט פון דעם וואס דער ראש ישיבה האט מיר געזאגט, איך האב מיר צוריק אראפגעזעצט און גענומען א תהלים און זיך גוט אויסגעלאכט.



לחיים פון מו"ה אברהם צוויבל הי"ו
איידעם פון מו"ה אהרן וועבערמאן הי"ו

**א גרויסן שכח פארן זיין גרייט צו געבן דעם שמועס, כדי אז נאך אידן זאלן קענען הנאה האבן און וויסן וויאזוי זיך צו פירן בשעת'ן חתונה מאכן די קינדער.**

צו שלוס וויל איך זאגן פאר אנשי שלומינו, זייט נישט קיין בטלנים און פאלגט'ס וואס דער ראש ישיבה זאגט און שטעלט אראפ, אויף יעדע זאך וואס דער ראש ישיבה טוט האט ער זיך אויף דעם מתבודד געווען און געבעטן דעם אייבערשטן ער זאל וויסן וויאזוי דאס אראפצושטעלן, במילא לוינט זיך נאכצוגיין דעם ראש ישיבה אויף טריט און שריט. זייט'ס נישט קיין נערנים און פאלגטס דעם ראש ישיבה אויף יעדן פרט וועט עט'ס גאר שטארק מצליח זיין אין ענקער לעבן.

קהל היכל הקודש

קרית ברסלב

# בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת שמות, י"ח טבת, שנת תשפ"ג לפרט קטן

**לכבוד מיין ליבער ... נרו יאיר ברסלב, ליבערטי**

מאך נישט קיין שוויץ ביי דיר אין שטוב, וואס פעלט דיר אויס עס זאל ווערן א פלאץ וואו עס וועלן קומען אלע סארט מענטשן וכו׳? דארפסט דאך אכטונג געבן אויף דיינע קינדער.

מיש נישט קיין יוצרות, האסט געקויפט א הויז אין שטעטל - זאלסטו געדענקען די סיבה; פארוואס? פארוואס ביסטו געקומען אין שטעטל? צו האבן א גוטע חינוך פאר די קינדער; זאלסטו האלטן דיין שטוב פריוואט און נאר ברענגען מענטשן מיט יראת שמים.

טייערער ליבער ברודער, אינוועסטיר אין דיין שטוב; פארברענג מיט דיין ווייב, געב איר גוטע ווערטער. זוך נישט צו לויפן צו חברים, וואס האט מען פון חברים? ווען א מענטש איז אין א צרה - אנטלויפן אלע חברים, נאר די ווייב און קינדער - אויב האט מען זיך שיין אויפגעפירט אין די יונגע יארן - זיי בלייבן מיט'ן מענטש, זיי העלפן אים.

בנוגע מאכן ביי דיר וכו׳; ביז דערווייל מאך גארנישט, איך וויל דאס אויסשמועסן מיט די חברי הנהלה. זיי מיר מוחל וואס איך זאג דיר, ווען דו ביסט מיר געקומען פרעגן אויב דו קענסט דאס טון - האב איך פון אויסגעמוטשעטקייט געזאגט יא, שפעטער טראכט איך 'וואס האב איך געזאגט יא? איך האב דאך געשטעלט אן הנהלה, דארף מען פרעגן די הנהלה'.

געב איבער פאר אלע וואס קומען דא וואוינען אין ליבערטי, טוט מיר א טובה; איך זוך נישט קיינעם איינצוטיילן וואס צו טון, איך מעג אבער בויען א קהילה פאר די וואס ווילן זיך פירן אויף די וועג וואס איך האב מקבל געווען פון מוהרא"ש; איז פארוואס לויפט מען מיך נאך? וואס קומט מען קיין ליבערטי ווען מען וויל מיך אויסשפילן?! פון סיטי ביז סאליוועין קאונטי איז דא אזויפיל שיינע פלעצער וואו צו וואוינען, וואס לויפט מען מיך נאך?!

איך האף מען וועט אלעס אויסשמועסן מיט די הנהלה.

## ווער עס קויפט אן די הנהלה צוברעכט אונזער קהילה!

181 Huschke Rd. Hurleyville NY 12747 • kiryasbreslevliberty@gmail.com • 845-640-4024

# א מעשה
## פון א צדיק



## דִי שְׁלֶעכְטֶע מִידָה פוּן כַּעַס

אַ אִיד אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּ הָרַב הַקָדוֹשׁ מִקָאצְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בֶּעטְן אַן עֵצָה אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטֶע מִידָה פוּן כַּעַס. דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעבֶּעטְן צוּ וַוארְטְן אִין אַ דְרוֹיסְנְדִיגֶע צִימֶער בִּיז עֶר וֶועט אִים אַרַיין רוּפְן.

בִּיזְדֶערְוַוייל הָאט דֶער רֶבִּי צוּגֶערוּפְן דֶעם גַבַּאי אוּן אִים גֶעבֶּעטְן אַז עֶר זָאל פְּרוּבִּירְן אוֹיפְצוּרֶעגְן דֶעם חָסִיד.

אַזוֹי הָאט דֶער גַבַּאי גֶעטוּן, עֶר אִיז אַרַיין גֶעקוּמֶען אִין שְׁטוּבּ אוּן 'בְּטָעוּת' אִים אָנְגֶעגָאסְן מִיט אַ קַאוֶוע, עֶר הָאט זִיךְ אַנְטְשׁוּלְדִיגְט אוּן גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ טָעוּת, הָאט זִיךְ דֶער חָסִיד אָנְגֶערוּפְן צוּם גַבַּאי: "סְ'אִיז גוּט, סְ'אִיז גָארְנִישְׁט".

נָאכְדֶעם הָאט אִים דֶער גַבַּאי אָנְגֶעטְרָאטְן אוֹיפְן פִיס אוּן זִיךְ וִוידֶער אַנְטְשׁוּלְדִיגְט, אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען אַפָּאר מָאל אוּן דֶער אִיד הָאט זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶערֶעגְט.

דֶערְנָאךְ אִיז דֶער גַבַּאי אַרַיין גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן אִים דֶערְצֵיילְט אַז דֶער אִיד הָאט זִיךְ קַיין אֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְגֶערֶעגְט, הָאט דֶער רֶבִּי אַרַיינְגֶערוּפְן דֶעם חָסִיד אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט: "אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס דוּ ווִילְסְט מִיט דַיין כַּעַס, דֶער גַבַּאי הָאט דִיר פְּרוּבִּירְט אוֹיפְצוּרֶעגְן אוּן דוּ רֶעגְסְט זִיךְ בִּכְלָל נִישְׁט אוֹיף".

הָאט דֶער חָסִיד גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ וֶועל דֶערְצֵיילְן דֶעם רֶבִּי'ן דֶעם אֶמֶת, אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט פַאר'ן גַבַּאי אַז עֶר זָאל מִיר אוֹיסְפְּרוּבִּירְן, דֶערִיבֶּער הָאבּ אִיךְ זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶערֶעגְט, 'עֶס אִיז נִישְׁט קַיין גְדוּלָה זִיךְ אַיינְצוּהַאלְטְן וֶוען אִיךְ וַוייס אַז מֶען פְּרוּבִּירְט מִיר יֶעצְט אוֹיס'".

הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי אָנְגֶערוּפְן: "אָט דִי וֶוערְטֶער הָאבּ אִיךְ גֶעוַוארְט צוּ הֶערְן פוּן דִיר, 'עֶס אִיז נִישְׁט קַיין גְדוּלָה זִיךְ אַיינְצוּהַאלְטְן וֶוען מֶען וֵוייסְט אַז מֶען פְּרוּבִּירְט יֶעצְט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ'. וֶוען דוּ וָואלְסְט גֶעגְלֵייבְּט מִיט אֶמוּנָה שְׁלֵימָה אַז יֶעדֶע זַאךְ וָואס פַּאסִירְט אִיז נָאר דִיר אוֹיסְצוּפְּרוּבִּירְן וָואלְסְטוּ זִיךְ אַוַדַאי נִישְׁט אוֹיפְגֶערֶעגְט"; דַארְפְסְטוּ דָאס אַרַיין נֶעמֶען אִין זִיךְ, אַז אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר אִיז נָאר כְּדַאי דִיר אוֹיסְצוּפְּרוּבִּירְן, דֶעמָאלְט וֶועט דִיר אַלֶעס גֵיין גְרִינְגֶער.



ציון הרה"ק מקאצק זי"ע אין שטאט קאצק -פוילן

נֶעם אַרַיין אִין דִיר אַז קֵיינֶער אִיז דִיר גָארְנִישְׁט שׁוּלְדִיג, אוּן קֵיינֶער קוּמְט דִיר נִישְׁט, וָואס דוּ הָאסְט אִיז אַ מַתָּנָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַז דוּ וֶועסְט לֶעבְּן מִיט דֶעם וֶועט דִיר אַלֶעס זַיין גְרִינְגֶער.

(עצתו אמונה בהעלותך תשע"ט)

# דעם הייליגן רבינ'ס
# לעבנסגעשיכטע

| פ א ר ז ע צ ו נ ג |

**- ל"ה -**

**פארזעצונג פון פריער:** צְווישְׁן דִי עֶרְשְׁטֶע מְקוֹרָבִים פוּן רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען דֶער גְרוֹיסֶער צַדִיק רֶבִּי יְקוּתִיאֵל לַאנְדָא זַ"ל, דֶער טִירְהָאוִויצֶער מַגִיד. דֶער מַגִיד הָאט גֶעהַאט אַ פָּאסְטְן פוּן מַגִידוּת אוֹיף פִינְף אוּן אַכְצִיג שְׁטֶעט, צַדִיקִים פְלֶעגְן אִים רוּפְן "דֶער גְרֶענִיץ וֶועכְטֶער", וַוייל זַיין שְׁטָאט טִירְהָאוִויץ אִיז גֶעוֶוען בַּיים גְרֶענִיץ צְווישְׁן דֶער גֶעגְנְט פוּן חֶערְסוֹן אוּן קִיוּב, אוּן עֶר גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיפְ'ן גְרֶענִיץ, עֶר לָאזְט נִישְׁט צוּ אַז דִי שְׁלֶעכְטְס פוּן חֶערְסוֹן זָאל זִיךְ פַארְשְׁפְּרֵייטְן קֵיין קִיוּב.

* * *

דֶער מַגִיד הָאט נָאךְ גֶעקֶענְט דֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ נָאנְטֶער חַבֵר מִיטְ'ן גְרוֹיסְן צַדִיק רֶבִּי נָחוּם טְשֶׁערְנָאבְּלֶער זי"ע. זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אַ מִנְהָג פַאר אַסַאךְ יָארְן אַז זֵיי פְלֶעגְן פָארְן יֶעדֶעס יָאר אוֹיף יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת אֵיינֶער צוּם צְווֵייטְן.

אֵיין יָאר אִיז דֶער מַגִיד גֶעפָארְן צוּ רֶבִּי נָחוּם זי"ע אוּן דִי צְווֵייטֶע יָאר אִיז רֶבִּי נָחוּם זי"ע גֶעקוּמֶען צוּ אִים. שָׁבוּעוֹת בַּיינַאכְט פְלֶעגְן זֵיי טַאנְצְן אִינְאֵיינֶעם אַ גַאנְצֶע נַאכְט אָן קֵיין הֶפְסֵק. וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָחוּם טְשֶׁערְנָאבְּלֶער זי"ע אִיז אַלְט גֶעוָוארְן אוּן עֶר הָאט מֶער נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין כֹּחַ צוּ טַאנְצְן אַזוֹי פִיל, פְלֶעגְט עֶר זִיךְ אָפְּשְׁטֶעלְן אִינְמִיטְן אוּן אִיבֶּערְגֶעבְּן דָאס טַאנְצְן פַאר זַיין זוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מָרְדְכַי טְשֶׁערְנָאבְּלֶער זי"ע אַז עֶר זָאל טַאנְצְן מִיטְ'ן מַגִיד.

אַלֶע צַדִיקִים הָאבְּן אִים זֵייעֶר גֶעשֶׁעצְט אוּן זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעהַאלְטְן פוּן אִים, דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זי"ע הָאט גֶענוּמֶען פוּן אִים אַן הַסְכָּמָה אוֹיף זַיין סִידוּר וָואס עֶר הָאט גֶעדְרוּקְט.

אַזוֹי וִוי דֶער דָארְף אוֹסְיַאטִין הָאט אוֹיךְ בַּאלַאנְגְט צוּ זַיין מַגִידוּת, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעפִירְט אַז פּוּנְקְט דֶעמָאלְט וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז נִתְגַלֶה גֶעוָוארְן אִיז אוֹיסְגֶעקוּמֶען דִי צַייט וֶוען עֶר הָאט גֶעדַארְפְט קוּמֶען זָאגְן מַגִידוּת אִין אוֹסְיַאטִין, אוּן יֶעדֶער אִיז אַרוֹיס אִים מְקַבֵּל פָּנִים זַיין, הָאט מֶען אִים דַאן דֶערְצֵיילְט אִיבֶּער דֶעם פְרִישְׁן צַדִיק וָואס אִיז יֶעצְט נִתְגַלֶה גֶעוָוארְן. אוּן כָאטְשׁ וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען הִיבְּשׁ עֶלְטֶער פוּן רֶבִּי'ן, אִיבֶּער פֶערְצִיג יָאר עֶלְטֶער, וַוייל דֶער רֶבִּי אִיז נָאךְ גֶעוֶוען דֶעמָאלְט אוּנְטֶער דִי צְוָואנְצִיג, הָאט עֶר אָבֶּער גֶעקְלֶערְט אַז עֶר וֶועט גֵיין זִיךְ בַּאקֶענֶען מִיטְ'ן רֶבִּי'ן אוּן זֶען וָואס דֶער רֶבִּי הָאט צוּ פַארְקוֹיפְן.

עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן גֶערֶעדְט מִיט אִים, אוּן עֶר אִיז אַזוֹי שְׁטַארְק נִתְפָּעֵל גֶעוָוארְן פוּן רֶבִּי'ן, אַז עֶר הָאט בַּאשְׁלָאסְן אַז עֶר וֶועט שׁוֹין בְּלַייבְּן בַּיים רֶבִּי'ן, עֶר וֶועט זַיין אַ חָסִיד אוּן תַּלְמִיד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. דָאס אִיז גֶעוֶוען גָאר אַ גְרוֹיסֶער חִידוּשׁ אַז אַן עֶלְטֶערֶער צַדִיק וָואס אִיז בְּרֵייט בַּאקַאנְט אוֹיף דֶער וֶועלְט, זָאל נִתְקָרֵב וֶוערְן צוּ אַזַא יוּנְגֶען אִינְגֶערְמַאן.



די שטאט אויסיאטין אין אוקריינא

אֵיינְמָאל אִיז דֶער מַגִיד גֶעפָארְן אִין וֶועג אִינְאֵיינֶעם מִיט זַיין חַבֵר דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָחוּם טְשֶׁערְנָאבְּלֶער זי"ע, זֵיי זֶענֶען דוּרְכְגֶעפָארְן דֶעם שְׁטָאט מֶעדְוֶועדִיוְקֶע, וָואס דֶער רֶבִּי אִיז דַאן דָארְט גֶעוֶוען, הָאט דֶער מַגִיד גֶעזָאגְט צוּ רֶבִּי נָחוּם זי"ע אַז עֶר זָאל אַרַיינְקוּמֶען אִין שְׁטָאט וַוייל עֶר וִויל אִים וַוייזְן זַיין רֶבִּי'ן.

דֶעמָאלְט הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָחוּם טְשֶׁערְנָאבְּלֶער זי"ע גֶעזֶען דֶעם רֶבִּי'ן, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף אִים דֶער פָּסוּק וָואס שְׁטֵייט אוֹיף דָוִד הַמֶלֶךְ (שְׁמוּאֵל-א ט"ז, י"ב) אַז עֶר אִיז "יְפֵה עֵינַיִם וְטוֹב רֹאִי", אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז דָאס וָואס סְ'שְׁטֵייט (שְׁמוֹת כ', י"ז) "וּבַעֲבוּר תִּהְיֶה יִרְאָתוֹ עַל פְּנֵיכֶם לְבִלְתִּי תֶחֱטָאוּ", אִיר זָאלְט הָאבְּן יִרְאַת שָׁמַיִם אוֹיפְ'ן פָּנִים נִישְׁט צוּ זִינְדִיגְן, אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן אוֹיף דֶעם אִינְגֶערְמַאן.

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמְט אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם
**גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַדִיק"**

מיט א טיפערן בליק

# שבועות אין שטעטל

## (חלק ג')





ישראל דוד העסקעל

**איך** קענט דעם ווארט 'אומבאשרייבליך'? געווענליך ווערט עס גענוצט פאר א גוזמא "פששש ס'איז געווען אזוי שיין ממש אומבאשרייבליך..." אבער יום טוב שבועות אין שטעטל אינאיינעם מיט דער ראש ישיבה איז טאקע אומבאשרייבליך!

וויפיל איך זאל זיך נאר מצמצם זיין און פרובירן צו באשרייבן אביסל דעם הערליך "אומבאשרייבליכע" יום טוב וועל איך נישט קענען אנרירן אפילו א אפס קצהו פון וואס ס'איז טאקע געווען!

ווען איך פלעג אלץ שרייבן פלעג איך זיך פארשטעלן אז אפשר וועלן צוואנציג אידן עס לייענען, ווער איז דען אינטערעסירט צו לייענען וואס איך האב צו פארקויפן? אבער פון ווען איך בין אנגעקומען אין שטעטל ערב יום טוב ביז איך בין אוועקגעפארן, האבן מענטשן נישט אויפגעהערט צו קומען מיך געבן שלום עליכם און זיך באדאנקען פאר די ארטיקלען! יעצט ווארפן זיך מיינע הענט פאר שרעק ווען איך ווייס אז וואס איך שרייב גייען אזוי פיל מענטשן לייענען, איך דארף מעסטן און וועגן יעדעס ווארט און שטארק בעטן ביים אייבערשטן אז די ארטיקלען זאלן האבן גוטע לימודים



און חיזוק און חלילה נישט פארקערט... אבער ההכרח לא יגונה, איך געב זיך איבער צום אייבערשטן און איך הייב אן שרייבן.

אנגעקומען זענען מיר ערב יום טוב דאנערשטאג מיטאג צו אונזער פיינע אכסניא וואס מו"ה משה ארי הי"ו האט שוין ברייט באשריבן ביים פארגאנגענעם יום טוב פסח אין שטעטל, און איך קען מעיד זיין אז ער האט גארנישט מגזים געווען באמת א הערליך צוגעשטעלטע אכסניא ביי מו"ה יואל וועבערמאן הי"ו אינדערהיים.

נאכן זיך איינרישן אין דעם אכסניא האב איך געזען אז די זייגער רוקט זיך ס'הייבט אן ווערן שפעט בין איך קודם שנעל געלאפן אין מקוה און נאכדעם צוגעענדיגט מיט די הכנות אויף יום טוב.



יום טוב ביינאכט איך שפאציר אין בית המדרש אריין - באטראכטנדיג דעם שיינעם שקיעה אריינאטעמענדיג די פיינע לופט שעפשענדיג תפילה נאך תפילה צום אייבערשטן דאנקענדיג דעם אייבערשטן אויף די גרויסע חסדים אז טראץ מיינע צענדליגע מניעות האבן מיר זוכה געווען עס דורכצוברעכן און אנצוקומען אין שטעטל אויף יום טוב צו קענען זיין מיט אנשי שלומינו במחיצת דער ראש ישיבה!

אזוי שפאצירנדיג טיף פארזינקען אין מיינע מחשבות זע איך אז איך בין שוין אנגעקומען אין שול, הלוואי איך קען ענק ווען מסביר זיין ווי אזוי ס'האט זיך געשפירט אריינטרענדיג דעם ערשטן מאל אין בית המדרש, מיין הארץ האט געבאמבערט מיט פרייד, מיין אדרענעלין האט געקנאקט א מחי'... אזוי שפאציר איך אריין אין שול.

נאך אלע שלום עליכם'ס קומט צו דער גבאי מו"ה אברהם הערש הי"ו און ער גיבט מיר א ברייטע שלום עליכם, איך האב געבעטן אויב ער קען מיר צו ווייזן צו א ליידיגע פלאץ, ער זאגט מיר זיכער - קום מיט מיר, ער זעצט מיר אוועק ביי דער ערשטע שורה פארנט פון ארון הקודש גלייך נעבן די מנהל הרב אברהם משה שליט"א.

בעצם האב איך געשפירט שרעקליך אומבאקוועם דארט - איך? איך בין א בעק מענטש, איך האב נישט וואס צו זוכן אין פארנט... כ'האב זיך שטארק געשעמט צו שטיין דארט, אבער אזא בטלן בין איך נישט אפצוזאגן א פלאץ נעבן הרב אברהם משה און דער ראש ישיבה, האב איך פארפאקט די בושה און געבליבן דארט שטיין.

ס'איז שוין שפעט דער ראש ישיבה ווייזט פארן גבאי ר' אברהם הערש אז ער זאל צוגיין צו מנחה. דער ראש ישיבה איז נאכדעם צוגעגאנגען צו מעריב און האט מיטגענומען אלע אינגערע קינדער נעבן זיך צום עמוד ער זאל קענען האלטן אן אויג און אכטונג געבן אויף זיי און זעהן אז זיי זאלן דאווענען אויך האט דער ראש ישיבה מיט גענומען גוטע זאכן צום עמוד ער זאל קענען געבן פאר די קינדער זיי צו מאכן חשק צום דאווענען.

נאכן דאווענען איז יעדער דורך זאגן גוט יום טוב פאר דער ראש ישיבה און יעדער פאר מענטשן האט דער ראש ישיבה אפגעשטעלט און גערעדט אפאר ווערטער, איך שטיי אזוי אין דער שורה און איך טראכט צו זיך אזוי אפשר גייט דער ראש ישיבה מיך אויך אפשטעלן, וואס גייט ער מיר זאגן? אזוי קומט שוין מיין רייע דורך צו גיין איך גיי דורך דער ראש ישיבה, דער ראש ישיבה געבט מיר א ווארימע שמייכל און זאגט מיר גוט יום טוב!

איך גיי ארויס פון שול און איך טראכט צו זיך דער ראש ישיבה זאגט אלץ ווען מ'פארט דורך מאנהעטן און מ'זעט די ריזיגע בנינים מיט די טויזנטער לעמפלעך און א מענטש קען זיך צומאל טראכטן יענע מענטשן דארט זיכער זיי גוט, זיי האבן גרויסע שיינע אפיסעס. זאגט דער ראש ישיבה יעדע לעמפל איז נאך א צרה! איינער ווארט א קאורט, א צווייטער חרוב קראנק, א דריטער באנקראט און אזוי ווייטער. שפעטער יום טוב האט דער ראש ישיבה געזאגט אן ענליכע משל - אסאך מאל גייט א מענטש ארויס אין גאס צוברעכן ער ווייסט נישט אפילו וואו צו ווענדן זיינע טריט, דא האט ער מיט די וויב און דא האט ער נישט קיין דזשאב און ער קוקט און זעט א וועלט וואס פארט מענטשן קומען און מענטשן גייען קארס פארן עראפלאנען פליען ער מיינט אז ער איז דער גרעסטער שלימזל אויפן וועלט! האט דער ראש





ישיבה געזאגט אז דער קאר פארט צו א משפט און דער אויפן עראפלאן פליעט צו א שפיטאל דעם וואס דו זעסט דארט לויפן האט יעצט באנקראטירט זיין ביזנעס און אזוי ווייטער.

טראכט איך אזוי צו זיך די זעלבע איז דא יעדער אפשטעל כמעט איז נאך א צרה איינער ווינטשט דער ראש ישיבה א גוטע שידוך א צווייטער פרעגט דער ראש ישיבה וואס זאגט די דאקטער... איינעם פרעגט דער ראש ישיבה אויב דער מצב אין שטוב ווערט שוין בעסער און אזוי ווייטער. איך טראכט צו זיך ווי לאָקי בין איך? וויפיל דארף איך דאנקען דעם אייבערשטן אז דער ראש ישיבה האט מיר נישט וואס צו פרעגן, אלעס איז מיר גוט! שכח אייבערשטער!!!

אויפן וועג אהיים האב איך שפאצירט אינאיינעם מיט די מנהל הרב אברהם משה און מיר האבן גערעדט פון דער גרויסע זכי' צו קענען זיין מקורב צו היכל הקודש און די גרויסע זכי' פון קענען וואוינען אין שטעטל זאגט מיר דער מנהל מיט זיין זיסע שמייכל איך בין דא פשוט ווייל כ'האב געזוכט א נארמאלער פלאץ וואו צו וואוינען, א געהעריגע נארמאלע קהילה ארומגענומען מיט נארמאלע מענטשן ממש א מחי'...

איך האף איר וועט מיר מוחל זיין אבער איך גיי נישט באשרייבן די סעודות וואו איך האב געגעסן ווייל איך וויל אז אויב דארף איך נאכאמאל זיין א גאסט ביי איינע פון אנשי שלומינו זאל ער נישט דארפן טראכטן טויזנט מאל אז איך גיי באשרייבן די גאנצע סעודה יעדע ווארט וואס ער גייט זאגן... אבער אזוי פיל קען איך אייך זאגן איך האב נאך אזעלכע סעודות קיינמאל נישט געהאט! די צד השוה פון אלע סעודות איז געווען אז איבעראל איז געווען זייער רואיג און פרייליך אויסטערליש באקוועם און איינגענעם, גערעדט תכלית'דיגע דיבורים, זיך אפגעגעבן מיט די קינדער. ס'איז באמת געווען פון די שענסטע סעודות וואס איך נאר אמאל בייגעוואוינט אלס א גאסט!

יום טוב צופרי' איז געווען הערליך שיינע תפילות, אבער די אקדמות... וואס זאל איך אייך זאגן דער וואס איז געווען דארט קען עס פארשטיין! מ'האט געשפירט אין די לופט דער אייבערשטער האט מיך ליב, איך בין איד! וואס איז דא בעסער און שענער פון די אידישע פאלק! די ווערטער וואס איך האב קיינמאל נישט פארשטאנען האבן זיך פלוצלינג אליינס געטייטשט - אוי ווי ס'בענקט זיך!

נאכן דאווענען איז געווען א קידוש מיט צענדליגע סיומים פון גאר קליינע קינדער ביז טאטעס און זיידעס אלע האבן זיך געפרייט מיט די תורה!

מיר האבן געהאט זייער א פיינע סעודה שכח אייבערשטער און נאכדעם איז מען געגאנגען דאווענען מנחה און קבלת שבת.

פאר קבלת שבת האט דער ראש ישיבה פארגעלייענט די תנאים צווישן דעם אייבערשטן און כלל ישראל ס'איז געווען דער ערשטער מאל וואס איך האב דאס געהערט, באזונדער בין איך זייער נתעורר געווארן ווען דער ראש ישיבה האט פארגעלייענט די שטיקל אז די דריי כריכות ארום די מיטלסטער פינגער מיט די רצועות פון די תפילין איז די קידושין רינגל מיט וואס דער אייבערשטער איז אונז מקדש! דאס מיינט יעדן טאג ווען איך טו אן תפילין זאגט מיר דער אייבערשטער נאכאמאל איך וויל דיך! דו ביסט מיין! איך האב דיך ליב! נאכן ליינען די תנאים האט דער ראש ישיבה גערעדט זייער שיינע דיבורים, אינמיטן האט ער זיך אנגערופן אז מענטשן מאכן זיך נאריש ווען ס'קומט צו שידוכים מ'וועלט זיך יעדער מיינט אז ער איז ווער וויס





וואס... דער ראש ישיבה האט זיך געבעטן צו די תלמידים מאכטס ענק נישט נאריש! אז מ'טראגט דיר אן א שידוך זאג עס נישט אפ!

נאכדעם האט מען זיך געשטעלט דאווענען א יום טוב'דיגע קבלת שבת, ביי לכה דודי איז געווען זייער פרייליך מ'האט געטאנצען ארום דעם בית המדרש ס'איז געווען זייער דערהויבן.

די פרייטאג צונאכטס סעודה איז געווען ספעציעל שיין און דערהויבן, ס'איז געווען דארט ווי איך האב געגעסן אסאך געסט, ס'איז באמת שווער אראפצולייגן וואס ס'מיינט עסן א סעודה מיט אנשי שלומינו... ס'איז די זעלבע חלה און פיש אבער די רוח, די ווייו"ב, די מצב. ס'איז אזוי זיס און באטעמט ס'איז מיר באמת שווער עס פארצושטעלן אין שריפט, ס'איז א בחינה פון מי שלא ראה...

שבת צופרי בין איך אויפגעשטאנען גענוג פרי אז איך האב זוכה געווען צו קענען ארייכאפן אביסל פון די שיעור זוהר פון דער ראש ישיבה, דאס איז געווען איינע פון מיינע שענסטע זאכן וואס איך האב בייגעוואוינט אין שטעטל!

די שיעור איז געווען אין וואלד צווישן די ביימער, די לופט איז געווען לויטער, מ'האט געקענט הערן די פייגלעך זינגען, און דא זיצט דער ראש ישיבה מיט א קליינע קבוצה פון זיינע תלמידים אונטערן שאטן פון בוים און לערנט פאר דעם הייליגן זוהר אזוי זיס, אוי באשעפער הלוואי איך קען צוריקגיין צו יענע מינוטן...

אינמיטן פארלערנען פרעגט מיר דער ראש ישיבה אויב איך פארשטיי, האב איך געזאגט אז נישט! האט דער ראש ישיבה געזאגט אז דאס איז די שיינקייט מ'דארף נישט פארשטיין!

שפעטער האט דער ראש ישיבה געמאכט א שטיקל שמועס אז די וואס וואוינען אין שטעטל קענען צומאל ווערן אביסל אפגעקילט פון די פלאם און מ'דארף שטארק חיזוק. דער ראש ישיבה האט געוויזן אז פון אלע באטייליגטע איז נאר געווען צוויי אידן וואס וואוינען אין שטעטל...

נאכן שיעור האט מיר דער ראש ישיבה געפרעגט אויב איך אנאליז אים פאר די שבועות ארטיקל... דער ראש ישיבה האט מיר געפרעגט ווי אזוי איך גיי אראפלייגן די שיעור זוהר צווישן די ביימער... אבער איך קען נישט אנאליזן דער ראש ישיבה, ווען איך זע דער ראש ישיבה זע איך א איד וואס ברענגט מיר צום אייבערשטן וואס מאכט מיך זיין ערליך!

נאכדעם איז געווען א פיינע געשמאקע דאווענען, אויך איז געווען די אויפרוף פון מו"ה אהרן וועבערמאנ'ס זון. ווען איך האב געוואונטשן מזל טוב פאר ר' אהרן האט ער מיר צוריק געוואונטשן ברוכים תהיה אם ירצה השם ביי דיר אויף שמחות זאלסט זיך אויך קענען גוט גוט אויסלאכן... נאכן דאווענען איז געווען א קידוש דער ראש ישיבה האט פארגעלערנט סיפורי מעשיות און ארייגעבלאזן אין אונז א גייסט פון חיזוק!





אויפן וועג אהיים איז געווען זייער הייס און ס'האט זיך ארויסגעוויזן די חסד פון אנשי שלומינו, דורכגייענדיג מו"ה יואל מענדלאוויטש'ס הויז איז ער געשטאנען מיט זיינע קינדער און געטיילט אייסעס און קאלטע טרינקען פאר אלע פארבייגייער אויך איז געווען בענק און קאלטע טרינקען צוגעשטעלט דורך די בית התבשיל!



שבת נאכמיטאג קום איך אין שול איך זעץ זיך אוועק אויף א פלאץ און איך הייב אן לערנען משניות, נאך אפאר מינוט האב זיך אביסל אומגעקוקט און זיך גוט פארטראכט אויף די סצענע - די שול איז געפאקט ס'איז נישט דא קיין איין ליידיגע בענקל און יעדער איינער, יא ממש יעדער איינער זיצט און לערנט זיינע שיעורים איך ווייס נישט אויב איך האב אמאל אין מיין לעבן געזען אזא מחזה! נישט דא קיין משגיח קיינער דרייט זיך נישט ארום קלאפן מיט די פינגער נא... און דער עולם זיצט און הארעוועט איך האב זיך נישט געקענט געַנוג אפוואונדערן פון דעם! אוי האב איך געדאנקט דעם אייבערשטן אז איך האב זוכה געווען מקורב צו ווערן!!!

שלש סעודות איז געווען ספעציעל דערהויבן דער ראש ישיבה האט פארגעליינט די כתובה שפעטער האט דער ראש ישיבה זייערווארעם גערעדט וועגן זיין אינדערהיים מיט די קינדער דער ראש ישיבה האט פארציילט אז די רבי האט געזאגט אז ס'לוינט זיך צו קומען צו אים אפילו צופוסנס האט איינער דארט געפרעגט און אהיים? האט דער רבי געענטפערט און אהיים וואלט איך געלאפן!

האט דער ראש ישיבה אויסגעשמועסט וואס הייסט געלאפן? נאר מ'קומט צום צדיק און מ'באקומט אלע עצות פון דער צדיק קען מען אהיים לויפן! מ'ווייסט ווי אזוי מ'דארף זיך פירן!

ביי אלע שיעורים יום טוב האט דער ראש ישיבה געהאלטן אין איין איבער'חזר'ן דאס וואס דער רבי האט געזאגט אז מ'זאל קומען צו אים די דריי צייטן אין יאר ראש השנה, שבת חנוכה און שבועות. ראש השנה באקומט מען אמונה, חנוכה - תודה והודאה, און שבועות די תורה. האט דער ראש ישיבה געזאגט אז ביי אלע דריי צייטן דארף מען איבערגיין און זיך מחזק זיין מיט אלע דריי נקודות און זיך מיט דעם אויפפרישן.

נאך מעריב האט דער ראש ישיבה געמאכט הבדלה און מ'האט אנגעהויבן טאנצן מיט מוזיק זייער לעבעדיג - דאנקן דעם אייבערשטן אז מיר זענען אידן דעם עם הנבחר און אז מיר האבן באקומען דער תורה!

ווי געזאגט איז אזא דערהויבענע יום טוב נישט מעגליך צו שילדערן אין אן ארטיקל אבער איך האף מיטן אייבערשטן'ס הילף אז איך האב כאטש געקענט אראפ שרייבן אפאר נקודות פון דעם הערליכן יום טוב!

שכח אייבערשטער אז נאך פיל מניעות האב איך זוכה געווען צו קענען זיין יום טוב שבועות ביי דער ראש ישיבה אין שטעטל מיט אנשי שלומינו - מעין עולם הבא!

ברסלב
שטיצע ברסלב

# קלאסיפיידס

*Deadline to advertise Sunday 12:00 PM*

## דירות אין שטעטל פאר א קורצע צייט

יואל וועבערמאן – 845-662-8423

יצחק אייזיק ראטה – 347-668-6122

אברהם הערש וועבערמאן – 845-492-0566

ראובן בירנבוים – 347-549-5625

גרעסערע דירה – 845-637-5367

---

בס"ד

**KB BUSINESS SOLUTIONS**
BOOKKEEPING SERVICES

Kbbsbookeeping@gmail.com
1-845-293-7667

**Did you open a new business?**

**Is your business not running properly?**

**Do it the RIGHT way!**

- QuickBooks Setup
- Account Receivable
- Accounts Payable
- Sales Tax
- Daily Cash Management
- Collections

---

## PLUMBING SERVICE

For all your plumbing needs

Specializing in:

New construction• camps and country's

• booster pumps • waterworks and more

Call LAZER MAINTENANCE

**917-202-1206**

---















# און איך גיי זיך מוסר נפש זיין צו העלפן דער רבינ'ס מוסדות

# אנשי חיל

פרטים יבואו

# אנשי שלומינו
# זענען איינגעשפאנט



# קרית ברסלב בלעטל
# קינדער אפטיילונג
## פרשת בהעלותך

## מידות אפטיילונג

**דער רבי האט געזאגט: ווען קעניגן און שרים וואלטן געוואוסט וואסערע דרך ארץ איך לערן אויס מיינע תלמידים, וואלטן זיי**

א. נישט געמאכט קיין שלעכטע גזירות אויף אידן
ב. זיך מגייר געווען
ג. געקומען צו לויפן
ד. געברענגט זייערע קינדער צו מיר

### שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך

דער רבי שרייבט אין ספר המידות: שמעקן בשמים פרייטאג צונאכטס איז א סגולה פאר
**ערליכע קינדער**

### געוואונער פון פאריגע וואך

**לאה איידליס תחי' - ווילימסבורג**
שיקט אריין די ענטפערס מיט אייער נאמען צו 845-379-1161

## טרעף די ווערטער

| | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| מ | ק | כ | ז | ת | ו | ח | ט | מ | ד | ו | ע |
| ח | ק | א | י | כ | ק | ו | ר | י | ע | ד | ע |
| ה | ב | ז | י | י | ג | נ | ע | ד | ח | ס | צ |
| ק | א | ג | נ | א | ס | ד | פ | ל | ש | ש | ס |
| צ | ק | ו | ז | י | ל | י | נ | ע | נ | ת | ש |
| ו | ו | פ | ו | א | י | ע | ד | ע | נ | ק | ש |
| ר | פ | ש | נ | צ | ר | ק | ש | ה | מ | פ | ע |
| ח | א | ב | י | ע | ל | א | ס | ר | ק | ו | ו |
| ת | י | ז | י | ד | ר | א | ו | ג | ו | צ | ק |
| ש | ס | י | י | ה | ו | י | י | נ | נ | ע | ד |
| ר | ז | י | ו | ו | ש | כ | כ | נ | ז | י | נ |
| י | מ | מ | נ | י | ש | ט | א | ז | ט | ו | ת |
| י | ע | א | ס | ה | א | מ | י | י | נ | ו | ה |
| ב | ח | ו | ר | ה | י | ב | כ | ו | ו | ע | ל |
| ט | י | נ | ג | א | ז | ס | י | ו | א | ל | י |
| מ | ק | י | ד | פ | ז | צ | ו | ש | צ | נ | מ |

**דער רבי זאגט: "וואויל איז דער וואס עסט משניות, און טרונקט קאפיטלעך תהלים, און ער טוט זיך אן מיט מצוות"**

# טרעף די וועג

כאפט אייך אריבער פון איין זייט קעסטל צום צווייטן



# שיחות פון רבי'ן פארהער

וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנען דיך די בילדער?




**טעפער פון פאריגע וואך**

דער רבי' זאגט: ״וואויל איז דער וואס עסט משניות, און טרונקט קאפיטלעך תהלים, און ער טוט זיך אן מיט מצוות״

# לאמיר שפילן סודאקא

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| | | | 4 | | |
| 1 | | | | | 2 |
| | | 1 | | 6 | |
| 5 | | | | 4 | 3 |
| | | | | 5 | |
| | | 3 | | | |

# טרעף די חילוקים

## טרעף 10 חילוקים צווישן די צוויי בילדער







מחנה תפארת התורה היכל הקודש ברסלב - זומער תשע"א

# עצתו אמונה
בחינה

*פרשת נשא תשפ"ג*

## פון אויבן אראפ

1. די הייליגע ____ וועט דיר עפענען די טיר פון גן עדן
2. נעם נישט אריין אין דיין שטוב קיין ____
4. מיר זענען אזוי ____ אז מיר ווייסן פון הייליגן רבי'ן
5. א בלאט גמרא וועט דיך מאכן פאר א גרויסע ____
7. מענטשן האבן נישט ליב מען זאל זיי ____
9. זוכט אויף ____ קינדער, און נאר מיט זיי חבר'ט זיך
14. זיי שטארק מיט ____
15. דער עיקר זאלט איר זיך שטארקן מיט תפלה און ____
17. ווער עס לערנט ____, נעמט זיך די תורה אן פאר אים

## פון רעכטס צו לינקס

2. אלע אייערע פראגעס זאלט איר נאר פרעגן פון אייער ____ ____
3. פון אזא רבי וועל איך קיינמאל נישט אוועק גיין, אפילו ער וועט מיר שמייסן מיט א ____
6. זיי שטארק מיט די צוויי זאכן, דאווענען און ____
8. דער בלאט גמרא זאל זיין ביי דיר אזוי שטארק און וויכטיג, ווי לייגן טלית און ____
10. שטארק זיך און זיי ____
11. שמועס מיט'ן אייבערשטן אין דיין שפראך, וועסטו זיך אזוי גוט ____
12. נישטא קיין טעלעפאן, טעבלעט, קאמפיוטער, אין א אידישע ____
13. ____ זיך אן אין די הייליגע תורה
16. דער איז דאס ____, וועלן און האפן
18. דער אייבערשטער האט ליב א געפרעגלטן ____
19. דער אייבערשטער האט אינזין אויף דעם קליינעם ____



# קליין און שיין




נחמן נתן בלום - קרית ברסלב



יוסף עזרא ברייער - קרית יואל
איבערשטער העלף איך זאל קענען עפענען די טונא




משפחת וועבערמאן - קרית ברסלב
געמאכט א ברסלב'ע קרוין פון טשאק






## שיקט אריין א בילד
## פון אייער קינד

# מַעֲשֶׂה פֿון תְּפִלָּה
# פַאר קִינְדֶער

אסתר פריעדמאן און חיל'ע היימליך שתחי' - קרית ברסלב פארצייכלט:










בנימין ביינ'ש שארף תחי' - קרית ברסלב פארצייכלט:











# א סעודה
# מיט'ן ראש ישיבה
## פרשת במדבר - תשפ"ג

איך בין אזוי פריילִיך און איבערגענומען אז איך האב געהאט די זכי' צו מיטהאלטן א הערליכע סעודה מיטן ראש ישיבה שליט"א פרייטאג צונאכטס פרשת במדבר! איך וועל פרובירן צו אראפשרייבן און מיטיילן מיט די חשובע לייענערס אפאר שיינע שיחות וואס איך געדענק פון די ליכטיגע סעודה.

ווען איך בין אנגעקומען האב איך געזען אן אינטערעסאנטע זאך, דער ראש ישיבה איז געשטאנען אין קאך און געהאלפן צוגרייטן די סעודה, דער ראש ישיבה האט געשניטן רעטעך פאר די זופ, און צוגעגרייט די זויערע פיקלס פאר די פלייש, און דער ראש ישיבה'ס ווייב האט צוגעגרייט די פיש אין טעלערס. אויפן טיש אין דיינונג רום איז שוין געליגן די חלות און די בעכער, און אויך איז שוין געווען צוגעגרייט די דיפס; טאמעטא דיפ, עגפלענט דיפ, און כריין, אפילו די גרעיפ דשוס איז שוין געליגן אויפן טיש. אזוי אז ווען דער ראש ישיבה האט אנגעהויבן זינגען זמירות איז שוין אלע עסן פאר די סעודה געווען גרייט; אדער אויפן טיש, אדער אין קאך צוגעגרייט אין טעלערס.



דער ראש ישיבה האט זיך אראפגעזעצט און אנגעהויבן זינגען זמירות - שבת שלום ומבורך, שבת שלום ומבורך, הייליגער שבת, ליכטיגער שבת, זיסער שבת, יאמי שבת, שבת שלום ומבורך. שלום עליכם.... אפאר מאל אינמיטן זינגען האט דער ראש ישיבה אנגעהויבן צו קלאטשן און דער ראש ישיבה האט געוויזן פאר די בעיבי יחזקאל וואס איז געזיצן אין די היי-טשעיר אז ער זאל אויך פאטשן.

אינמיטן זינגען זמירות האב איך באמערקט ווי דער ראש ישיבה האט זיך ארומגעקוקט אויפן טיש, און גערופן איינער פון די קינדער און אים געזאגט שטילערהייט אז ער זאל גיין ברענגען גלעזלעך. דערנאך האט דער ראש ישיבה אים געשיקט ברענגען די זאלץ, און די נעפקינס, און אזוי ווייטער אלע זאכן וואס האבן נאך געפעלט אויפן טיש.

אינמיטן האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן צו די קינדער און געפרעגט, ווער ווייסט ווי אזוי דער שבת הייסט? און דער ראש ישיבה האט פארציילט פאר די קינדער אז די וואך שבת הייסט 'שבת דרך ארץ', א שבת פאר שבועות רופט מען שבת דרך ארץ, ווייל שבועות האט מען באקומען די תורה, און דרך ארץ איז קדמה לתורה, פאר מען וויל לערנען תורה דארף מען האט דרך ארץ. און דער ראש ישיבה האט פארציילט אז נאך פאר די תורה האט דער אייבערשטער באשאפן די זאך פון דרך ארץ, אז יונגערע האבן דרך ארץ פאר עלטערע, און אז א תלמיד האט דרך ארץ פאר זיין רבי, פארוואס? ווייל נאר אז מען הערט אויס די מלמד און מען רעדט נישט ווען ער רעדט, און מען לאכט אים נישט אין פנים, נאר אזוי קען מען לערנען תורה.

איינער פון די קינדער האבן זיך געשפילט מיט די גלעזלעך, האט דער ראש ישיבה אים געזאגט אז ער זאל זיך נישט שפילן מיט דעם, און דער ראש ישיבה האט צוגעלייגט אז דאס איז אויך א זאך פון דרך ארץ, אז מען כאפט נישט אן א גלעזל פון אינעווייניג.

נאכדעם האט דער ראש ישיבה געפרעגט זיין ווייב, זאל מען זינגען די שנעלע אשת חיל אדער די שטאטע? זי האט געענטפערט די שנעלע, האט דער ראש ישיבה אנגעהויבן צו זינגען די שנעלע אשת חיל.

אינמיטן זינגען אשת חיל האט איינער פון די קינדער געפרעגט, טאטי ווער האט געמאכט די ניגון אשת חיל? האט דער ראש ישיבה פארציילט פאר די קינדער אז די ניגון האט שלמה המלך געמאכט פאר זיין מאמע. און דער ראש ישיבה האט פארציילט אז ס'איז געווען ווען שלמה המלך האט חתונה געהאט מיט די טאכטער פון פרעה, ער האט איר

מגייר געווען און חתונה געהאט מיט איר, און ס'איז געווען זייער א רייכע חתונה, ס'איז געווען דארט ווין און מען האט געטרינקען, און ס'האט זיך געענדיגט זייער שפעט. שלמה המלך פלעגט אויפשטיין יעדן טאג זייער פרי פארטאגס, ווייל ער האט געהאט די שליסלעך פון בית המקדש. אבער יענע טאג איז ער אריינגעשלאפן ביז אינמיטן טאג, און אלע אידן שטייען און ווארטן און מען קען נישט אנהייבן טון די עבודה ווייל די שליסל צו די בית המקדש ליגט אונטער די קעניג'ס קושן, און ווער וועט גיין אויפוועקן א קעניג? האט מען באשלאסן אז מען וועט שיקן שלמה המלך'ס מאמע זאל אים אויפוועקן.

און זי איז געקומען צו אים און אים אנגעהויבן זאגן מוסר, זי האט אים געזאגט איך האב זיך מוסר נפש געווען דיך צו געבוירן אז דו זאלסט גיין טרינקען? זי האט אים געזאגט מה ברי ומה בר בטני - וואס איז מיט דיך מיין זון? על תתן לנשים חילך, תנו שכר לאובד ויין למרי נפש - ווין איז געמאכט געווארן פאר דעפרעסטע מענטשן... איז שלמה המלך אויפגעשטאנען און ער האט זיך אפגעגאסן די הענט, זיך אנגעטון און ער האט געגעבן די שליסלעך פון די בית המקדש און דערנאך האט ער אנגעהויבן צו זינגען די ניגון אשת חיל פאר זיין מאמע.

דער ראש ישיבה האט ווייטער גערעדט פון שלמה המלך, דער ראש ישיבה האט פארציילט אז שלמה המלך איז געווען קעניג איבער די גאנצע וועלט, ווען ער איז געווען קעניג האט יעדער געפאלגט, יעדער איז געווען וואויל און גוט, אין די צייטן פון שלמה המלך איז געווען אזוי ווי ס'וועט זיין ווען משיח וועט קומען.

דערנאך האט דער ראש ישיבה ווייטער געזינגען זמירות ווי מען האט געהאלטן, נאכדעם האט דער ראש ישיבה גענומען די הדסים פון אינמיטן טיש און געמאכט א ברכה בורא עצי בשמים און געשמעקט די הדסים. און דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן, אפשר וועגן דעם האבן אונז קינדער תלמידי חכמים, ווייל אונז שמעקן הדסים יעדע וואך? ווייל די רבי זאגט אין ספר המדות אז אויב מען שמעקט הדסים שבת האט מען קינדער תלמידי חכמים.

דער ראש ישיבה האט געוואלט אראפשיקן די הדסים אין די רייע פון די עלטסטע ביז די יונגסטע, האט דער ראש ישיבה יעדעם געפרעגט ווי אלט זיי זענען. ווען דער ראש ישיבה'ס זון אלחנן האט געענטפערט אז ער איז שוין 18 יאר אלט, האט דער ראש ישיבה געלייגט די הענט אויפן פנים, אוי! די צייט גייט אזוי שנעל... קוים ביסטו געווען א יונגער בחור און דו ווערסט שוין ניינצן יאר, דער ראש ישיבה האט גערעדט פון דעם אז דאס לעבן גייט זייער שנעל און מען דארף אריינכאפן גוטע זאכן, און דער ראש ישיבה האט אים געזאגט זאג עס ביי תיקון חצות...

**ווילאנג לעבט א מענטש? הונדערט צוואנציג יאר? א מענטש לעבט נישט אזוי לאנג.**

דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן איך ווער שוין צוויי און ... (דער ראש ישיבה האט זיך אפגעשטעלט און נישט געזאגט וויפיל יאר ער ווערט) און איך האב אזעלכע בושות..! אזעלכע בזיונות! די לעבן גייט אריבער..!

ווי לאנג לעבט א מענטש? האט דער ראש ישיבה געפרעגט. איינער פון די קינדער האבן זיך אנגערופן 120 יאר, האט דער ראש ישיבה געלאכט, הונדערט צוואנציג יאר? א מענטש לעבט נישט אזוי לאנג... מען זאגט עס אין תיקון הכללי - ימי שנותנו בהם שבעים שנה, 70 יאר לעבט א מענטש. ואם בגבורות שמונים שנה, און אויב איז מען זוכה, 80 יאר. א מענטש לעבט נישט קיין 120 יאר, אפאר יאר, און די לעבן גייט אריבער...

איינער פון די קינדער האט זיך געשפילט מיט זיין בענקל, ער האט עס געמאכט שיף, און אויפגעהויבן, האט דער ראש ישיבה אים פארגעהאלטן, דא איז נישט קיין פארק, ביי די שבת'דיגע סעודה דארף מען זיצן מיט דרך ארץ, דער אייבערשטער איז דא און אלע מלאכים זענען דא.

דערנאך האט דער ראש ישיבה אנגעגאסן די בעכער און געפרעגט, ווער וועט די וואך אויפהייבן די בעכער? איינער האט זיך אנגערופן אז אפשר זאל יוסף אויפהייבן די בעכער, ווייל ער איז לעצטע וואך געווארן זעקס יאר. האט דער ראש ישיבה געזאגט ער האט שוין לעצטע וואך אויפגעהויבן די בעכער, די וואך וועט די גאסט - א בחור - אויפהייבן די בעכער. און דער ראש ישיבה האט צוגעלייגט, "ער איז א חשובער בחור".

דער ראש ישיבה האט געמאכט קידוש מיט א פריילכקייט און בענקעניש, נאך קידוש האט דער ראש ישיבה געזאגט אזוי: אויב מען האט נישט אויסגערעדט נאך קידוש, דארף מען נישט מאכן קיין ברכה. אבער

<<<<

אויב מען האט יא אויסגערעדט פארן טרינקען גרעיפ דשוס, דארף מען יא מאכן א ברכה.

דער ראש ישיבה האט אראפגעשיקט גרעיפ דשוס פאר זיין ווייב, פאר די געסט, און פאר אלע קינדער, און דערנאך האבן אלע קינדער געמאכט א רייע ביים סינק.

## ווער ווייסט פארוואס מען עסט פיש שבת?

די קינדער זענען געשטאנען אין די רייע נאכט איינער צום צווייטן, אבער דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן שטרענג צו זיין טאכטער ריר נישט אן קיין אינגלעך, רוק דיך ארויף. די זעלבע זאך האט דער ראש ישיבה פארגעהאלטן זיין זון, און דער ראש ישיבה האט אים אנגעזאגט אז ער זאל אכטונג געבן נישט אנצורירן זיין שוועסטער.

דערנאך האט דער ראש ישיבה געוואשן די קינדער און געמאכט מיט זיי די ברכה, און דער ראש ישיבה האט געזאגט אז ווען מען וואשט זיך איז עס א סגולה פאר עשירות.

דער ראש ישיבה האט אפילו געבעטן מען זאל ברענגען די קליינע יחזקאל מיט זיין היי-טשעיר צו די סינק אז ער זאל זיך אויך וואשן, און דער ראש ישיבה האט פארציילט אז יחזקאל וואשט זיך יעדע וואך. אבער דאס מאל האט יחזקאל נישט געוואלט, ער האט געשריגן ניין, ניין, האט דער ראש ישיבה געזאגט אקעי' לייג אים צוריק ביים טיש.

דערנאך האט דער ראש ישיבה זיך געוואשן און זיך אראפגעזעצט ביים טיש, און ווען זיין ווייב איז אריינגעקומען האט דער ראש ישיבה געמאכט המוציא און אנגעהויבן אויפשניידן די חלה. שפעטער ווען די חתונה געהאטע קינדער און געסט האבן זיך געענדיגט וואשן, האבן זיי עקסטער געמאכט המוציא אויף די אנדערע צוויי חלות און דער ראש ישיבה האט עס אויפגעשניטן פאר זיי.

דערנאך האט דער ראש ישיבה געמאכט זיכער אז יעדער האט באקומען א טעלער טאמעטא דיפ פון אינמיטן טיש, און דער ראש ישיבה האט געשיקט איינער פון די קינדער זאלן גיין אריינברענגען די פיש טעלערס וואס איז שוין געווען צוגעגרייט אין קאך.

דער ראש ישיבה'ס ווייב איז אויך געגאנגען אין קאך, האט דער ראש ישיבה געזאגט פאר די קינדער זאלן נאכנישט אנהייבן עסן די פיש, נארווארטן ביז מאמי קומט אריין.

דער ראש ישיבה האט געפרעגט פון די קינדער ווער ווייסט פארוואס מען עסט פיש שבת? און דער ראש ישיבה האט פארציילט אז די פיש זענען געווען די איינציגסטע וואס האבן נישט געזינדיגט ביי די מבול, אלע האבן דעמאלטס געזינדיגט אפילו די חיות, אויסער די פיש. און וועגן דעם עסן אונז פיש שבת.

אינמיטן האט איינער פון די קינדער געפרעגט דער ראש ישיבה אויב ער קען שוין ברענגען מאמי'ס גלעזל, האט דער ראש ישיבה געזאגט נאכנישט, לאז מיך קודם ענדיגן עסן די פיש. שפעטער האט דער ראש ישיבה געבעטן איינער פון די קינדער זאל גיין ברענגען סעלצער, און דער ראש ישיבה האט אנגעגאסן פאר זיין ווייב גרעיפ דשוס מיט סעלצער און איר עס געשיקט.

אינמיטן די סעודה האט איינער פון די קינדער געפרעגט דער ראש ישיבה אויב מען מעג פוצן די ציין שבת, האט דער ראש ישיבה געזאגט אז ניין, פוצן די ציין איז חילל שבת.

ס'איז מיך געווען אינטערעסאנט צו זען ווי נאכן ענדיגן עסן די פיש האט יעדער אראפגעשיקט זייער פיש טעלער צו דער ראש ישיבה'ס ווייב, און זי האט אלעס שיין צאמגעלייגט איינס אויפן צווייטן און איינער פון די קינדער האט עס ארויסגעטראגן, אזוי אז גלייך נאכן ענדיגן עסן די פיש איז די טיש שוין געווען אינגאנצן אפגערוימט.

נאכן עסן די פיש איז דער ראש ישיבה געגאנגען אין קאך זיך וואשן די הענט.

דערנאך האט מען געזינגען זמירות, און ביזדערווייל האט דער ראש ישיבה'ס ווייב צוגעגרייט די טעלערס זופ אין קאך און די גרויסע קינדער האבן עס אריינגעברענגט. אויך האט מען אריינגעברענגט בונדלעך און רעטעך.

ווען מען האט געענדיגט זינגען זמירות האט איינער פון די קינדער שוין געוואלט אנהייבן עסן, אבער דער ראש ישיבה האט אים געזאגט אז מען דארף ווארטן ביז מאמי קומט

אריין צום טיש.

דערנאך איז דער ראש ישיבה'ס ווייב צוריקגעקומען צום טיש און מען האט אנגעהויבן עסן די זופ. דער ראש ישיבה האט אויסגעלערנט פאר די קינדער ווי אזוי מען עסט זופ, דער ראש ישיבה האט זיי געוויזן אז ווען מען ציט אריין די זופ פון די לעפל מאכט עס א גערודער, און די קינדער האבן געלאכט ווען דער ראש ישיבה האט עס נאכגעמאכט. דער ראש ישיבה האט זיי געוויזן אז מען דארף אריינעמען די לעפל אין מויל און אזוי עסן די זופ איידל, אן קיין גערודער.

אינצווישן האט דער ראש ישיבה געזאגט שטילערהייט פאר די גאסט אז ער זאל זאגן ש'כח פאר דער ראש ישיבה'ס ווייב פאר די פיינע עסן. און ווען ער האט זיך אנגערופן ש'כח די עסן איז געווען זייער פיין, האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן אז ער קען שוין חתונה האבן, ווייל ער קען שוין געבן קאמפלימענטס.

נאך די זופ האט איינער פון די קינדער געפרעגט: "יעצט מעג איך שוין גיין שפילן?" האט דער ראש ישיבה געזאגט אז נישט, מען דארף בלייבן זיצן ביים טיש ביז נאך די סעודה.

נאכדעם האט מען אריינגעברענגט טעלערס פלייש, קוגל, פערפל און זויערע פיקלס, און אראפגעלייגט אינמיטן טיש אז יעדער זאל קענען נעמען וואס ער דארף.

דער ראש ישיבה האט געפרעגט איינער פון די געסט ווי ער ווערט איינגעשטיין שבועות אין שטעטל, האט ער געזאגט אז ער ווערט איינגעשטיין ביי משפחת לעזער. האט דער ראש ישיבה געזאגט אז זיי זענען זייער א חשובע משפחה.

דער ראש ישיבה האט אויסגערעכנט אז נאך אביסל ווערט ער דארפן האבן אסאך שידוכים פאר די קינדער און אייניקלעך, דער ראש ישיבה האט געזאגט: "איך וויל זיך משדך זיין מיט משפחות וואס גייען אנגעטון זייער שיין, רייך און איידל. יעצט האב איך שוין ב"ה א שטיקל משפחה, און אז אלע מיינע קינדער האבן אויך א שטיקל משפחה אדער מער, דארף איך ביז אפאר יאר האבן איבער הונדערט משפחות מיט וועם זיך צו משדך זיין".

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז ער האט געהאט זייער א קלוגע באבע, אלע באבעס זענען צדיקת'ן, אבער זי איז אויך געווען זייער קלוג. זי האט אמאל געזאגט אז ווען אירע קינדער זענען עלטער געווארן האט זי אנגעהויבן זען אז מען דארף אויך בעטן דעם אייבערשטן אז אנדערע מענטשן זאלן אויך האבן גוטע קינדער, נישט נאר איך... אז מען זאל האבן מיט וועמען זיך משדך צו זיין.

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז פאר ער איז מקורב געווארן צו מוהרא"ש פלעגט ער זאגן יעדן טאג אסאך תפילות, פון די בר מצוה האט ער געזאגט יעדן טאג די תפילה פון די של"ה הקדוש פאר ערליכע קינדער, אגרת הרמב"ן, און נאך. אבער ווען איך בין מקורב געווארן צו מוהרא"ש, האב איך אנגעהויבן רעדן צום אייבערשטער אויף אידיש.

איינער האט געפרעגט, וואס איז מיט יענע אלע תפילות, ס'איז גארנישט ווערד? האט דער ראש ישיבה געענטפערט וואס הייסט, זיכער איז עס ווערד! די רבי פלעגט זאגן אז אין זיינע יונגע יארן פלעגט ער זאגן זייער אסאך תפילות און תחינות.

האט איינער געפרעגט, ווי אזוי קען מען וויסן פארוואס דער ראש ישיבה האט ערליכע קינדער, ווייל פריער האט דער ראש ישיבה גערעדט פון שמעקן הדסים שבת, און יעצט פון זאגן תפלת השל"ה... האט דער ראש ישיבה געזאגט אז ס'איז אלעס צוזאמען, יעדע זאך העלפט, שמעקן הדסים שבת, זאגן די תפילה פון די של"ה הקדוש, בעטן דעם אייבערשטן אויף אידיש. דער ראש ישיבה'ס ווייב האט צוגעלייגט און אז זי שאקלט נישט קיין לולב... האט דער ראש ישיבה געזאגט אז יא, צאנזער רב האט צוגעזאגט אז א פרוי וואס שאקלט

**איך וויל זיך משדך זיין מיט משפחות וואס גייען אנגעטון זייער שיין, רייך און איידל.**

נישט קיין לולב וועט האבן ערליכע קינדער.

דער ראש ישיבה'ס ווייב האט געפרעגט איינער פון די אנוועזנדע, דיין ווייב שאקלט לולב סוכות? זי קען זיך יעצט פארנעמען מער נישט צו שאקלען קיין לולב און באקומען די ברכה פאר ערליכע קינדער.

**חלק ב' קומענדיגע וואך אי"ה**

# בילדער
## אפטיילונג









ברית פון הילד יוסף נ״י בן מו״ה לייבי ראטה הי״ו - מאנטאג נשא ב׳







חתונה אין ישיבה פון החתן דוד נ״י בן מו״ה יודל דעפריס הי״ו - מאנטאג נשא ב׳







חתונה אין ישיבה פון החתן נחמן יואל נ״י בן מו״ה אהרן וועבערמאן הי״ו - דינסטאג נשא ב׳

## דער ראש ישיבה באזוכט אין שטעטל - ה׳ נשא ב׳







ביים גיסן די מקוה ביים נייעם בית המדרש אויף די בארדיטשוב גאס




אין א שמועס מיטן דיין שליט״א ביים נייעם בית המדרש אויף די בארדיטשוב גאס




אין א שמועס מיט אנשי שלומינו ביים נייעם בית המדרש אויף די בארדיטשוב גאס









דער ראש ישיבה ביים אדורכגיין די וועכנטליכע קונטרסים, גליונות און אויסגאבעס אינעם בית הדפוס







דער ראש ישיבה באזוכט אין כולל



# IN AN ACCIDENT?

## CALL THE EXPERT

mint COLLISION

Accidents can happen,
Our professional & caring staff will handle the entire process.

- 24-Hour Towing
- Full Car Repair
- Rental Replacement
- Trusted by all major insurance companies



For Upstate Customers;
We pickup & deliver all year round.

347-742-7778

mintcollision@gmail.com